

# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה׳
נומער 193
פרשת לך לך · תשפ״ד

**פאר די ברסלב'ע שטוב:**
וואו איז פארזיכערט?

**צום פינטל:**
זאמד אין די אויגן

**וועלטליכע נייעס:**
אמעריקאנער פרעזידענט'ס באזוך אין מיטל מזרח געשטערט צוליב שפיטאל אויפרייס אין עזה

## ישיבה תפארת התורה - היכל הקודש ברסלב
## טרעט אריין אינעם זעכצענטן יאר צום גוטן

### זכרונות פון ישיבה



# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
לך לך י"ג חשון תשפ"ד

הדלקת הנרות ........... 05:42

מוצאי שבת ............ 07:11

מנחה מעריב פרשת וירא......... 06:50

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 27 | 70°/55° | | Partly Cloudy |
| Sat 28 | 70°/48° | | Partly Cloudy |
| Sun 29 | 58°/48° | | Showers |
| Mon 30 | 52°/37° | | Mostly Cloudy |
| Tue 31 | 46°/35° | | Showers |
| Wed 01 | 43°/29° | | AM Rain/Snow Showers |
| Thu 02 | 42°/28° | | Partly Cloudy |
| Fri 03 | 45°/31° | | Partly Cloudy |





בריוון צום רעדאקציע
איבער די 'טערארפיסטן' - 'טערראריסטן' ארטיקל
3



צום פינטל
זאמד אין די אויגן
6



וועלטליכע נייעס
גלאבאלע סעקיוריטי אלערט
11




בריוו פונעם ר"ר
עצה פאר פחדים
15



ברסלב'ע שטוב
וואו איז פארזיכערט?
27



בילדער
אבות ובנים אין בתי מדרשים היכל הקודש איבער די וועלט
38




## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב

**מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו**
**וזוגתו שרה אסתר תחי'**
**צו די חתונה פון זייער זון בנציון נ"י**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב

**מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו**
**וזוגתו חי' תחי'**
**צו די חתונה פון א טאכטער תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

# בריוו צו די רעדאקציע

## פארוואס אראפרייסן טעראפיסטן?

לכבוד די רעדאקטער פון קרית ברסלב בלעטל.

איך באקום אייער בלעטל יעדע וואך צווישן אלע גליונות וואס קומען מיר אן. איך בין זייער אויפגעקאכט געווארן פון די ארטיקל ווי איר רייסט אראפ טעראפיסטן, איר טוט זיי פארגלייכן צו טעראריסטן, וואס גייט פאר מיט אייך וואס איז שלעכט מיט טעראפי, איך קען מיך נישט בארואיגן, בפרט יעצט אז עס גיסט זיך אידיש בלוט אין ארץ ישראל, האט איר נישט געהאט קיין בעסערע צייט צו ארונטערייסן טעראפיסטן.

חוץ אויב עס איז דא זאכן וואס איך ווייס נישט, ווי איך פארשטיי זענען טערעפיסטן א הילף פאר מענטשן וואס דארפן הילף. איר דארפט אכטונג געבן וואס איר שרייבט אדער זאלט איר מער ארויסברענגען צו איר רעדט וועגן א ספעציפישער מענטש, אדער איר רעדט בכלליות פון עפעס וואס איר ווייסט און עס איז נישט באקאנט, דארפט איר זיין מער ספעציפיש איבער דעם.

מרת ק. ב.

## פארלוסט פון מיין ווייב און קינדער א דאנק א טעראפיסט

יישר כחכם, עס איז נישט דא
קיין ווערטער אייך צו
באדאנקען
פאר

די הערליכע בלעטל וואס איר גיבט ארויס יעדע וואך. איך האב מיך מחי' געווען מיט די "שפעקולאציעס" ווי איר האט גענומען די קוראזש און געשריבן עפעס וואס יעדער האט מורא צו שרייבן. עס איז אזוי אמת'דיג, עס איז אזוי ווייטאגליך, איינער וואס איז נישט געווען אינטער די הענט פון די טעראפיסטן ווייסט נישט ווי אמת'דיג איר שרייבט.

עס איז טאקע זייער ווייטאגליך אז אזויפיל קדושים זענען ברוטאל גע'רצח'ט געווארן דורך די בני ישמעאל ימח שמם וזכרם, קיינער זאל נישט געפראוווט ווערן, די שרעקליכע רציחות, די פארכאפונג, די שרעק וואס אידן איבער די וועלט גייען אריבער.

די ווייטאג ווערט ברייט צושפרייט, באשריבן און באוויינט איבער די וועלט, די ווייטאג ווערט ארויסגעגעבן צום אייבערשטן אין די פילע עצרת'ן און קבלות וואס טייערע אידן טוען אונטערנעמען וועגן די רציחות.

אבער איך אלס א טעראפיסט געליטענער, ווייס איך אז עס איז דא די גהינום פון איינער וואס די משפחה איז אים צופליקט געווארן א דאנק די פארשאלטענע טעראפיסטן.

איך בין זיכער אז מענטשן וואס האבן עס געליינט האבן געלאכט פון די בייפאל, אבער איך האב געליינט יעדע שורה מיט טרערן אין די אויגן.

אוי ווי געוואלד! איך האב געהאט א הערליכע משפחה, א וואוילע ווייב מיט זיבן לעכטיגע קינדערלעך, וואס האבן געשטראלט ווי די זון און די לבנה, ביז די גרויזאמע טעראפיסט האט אלעס





אפגעווישט, אלע זענען נעבעך געגאנגען על מוקדה על קידוש השם.

יעצט ווען איך קוק מיך אום אין מיין ליידיגע שבת שטוב, און איך דערמאן מיך די שיינע שבת'דיגע סעודות וואס מיר פלעגן אפרעכטן, די גאנצע שטוב צוזאמען, די שיינע יארן וואס מיר האבן געלעבט צוזאמען מיט אזא געטריישאפט איינער צום אנדערן, ביז ביז אוי מיין לעבן איז מיר פארשניטן געווארן.

וואלטן די צדיקים געוויסט דערפון וואלטן זיי געמאכט נישט איין עצרת תפילה נאר זיי וואלטן צאמגערופן גאנץ כלל ישראל איינרייסן אויף די ביטערע שווערע גזירה וואס שוועבט אויף יעדע אידיש קינד.

איך וויל נישט ענדיגן נאר מיט טרערן... וועל איך זאגן א ווארט, איך שפיר מיך ווי אמעריקע, וואס שטאפט די טעראריסטן מיט געלטער, און מיט די געלט טרענירן זיי זיך צו הרג'ענען און אומגליקליך מאכן אזוי פיל אומשולדיגע מענטשן.

די אלע געלטער וואס איך האב וועכענטליך ארויסגענומען פון מיין שווער פארדינטע געהאלט פאר די מרשעת טעראפיסט האב איך בידים געגעבן פאר איר זי זאל מיך אומגליקליך מאכן.

יא! מיין ווייב, מיינע קינדער, יא! איר האט גוט געשריבן אויף זיי, השם ינקום דמם, נאר דער אייבערשטער ווייסט ווי זיי וואלגערן זיך, נאר דער אייבערשטער קען זיך נוקם זיין און זיך אננעמען פאר זייער און מיין פארגאסענע בלוט.

**(-) שרייבט נישט קיין נאמען אויך נישט ראשי תיבות**

## הערה וועגן די שפעקולאציעס

מיר האבן זייער הנאה געהאט
פון אייער ארטיקל וועגן
טעראפיסט -

טעראריסטן, עס איז זייער אמת'דיג, ס'איז איז אבער נישט ארויסגעברענגט געווארן וואס די פראבלעם פון זיי איז, יעדע ווארט איז אמת, איך מיט מיין ווייב זענען עדות אויף דאס וואס וואלט חס ושלום ארויסגעקומען ווען מיר באקומען נישט באצייטענס ווארענונגען, און מיר זעען ווי פארדארבן זייער השקפה איז, געלויט דער אייבערשטער אז מיר זענען באצייטענס... אודאי נאך 50 60 אלפים ארייגפלאשן, אבער ברוך השם עס האט געקאסט געלט אבער מיר זענען אנטלאפן איידער זיי האבן אונז געקענט פאר'סמ'ן.

איך האף איר נעמט אן בריוון אין אייער בלעטל, מיינט נישט אז איר זענט א ברסלב'ע בלעטל, איר טוט רעפערזענטירן א גרויסע חלק פון אידישע ליינער וואס זענען נמאס פון די אלע אויפגעבלאזענע מאגאזינען.

איך וועל אייך שרייבן בקיצור נמרץ ממש אויפן שפיץ גאפל וואס מיר האבן אינאכט געוומען ווי פארפוילט זיי זענען, און ווי שטארק זייער אידאלאגיע איז געבויעט אויף אפיקורס'ישע ביכער, פונקט פארקערט פון די תורה.

די ערשטע זאך וואס דער טעראפיסט וועט דיר זאגן, איז די ליבעראלע סטעיטמענט, יעדע מענטש איז בארעכטיג אויף **זיך**. קיינער קען **דיר** נישט איינטיילן, קיינער קען **דיר** נישט זאגן, דאס זאגט מען פאר קינדער, איי כבד את אביך ואת אמך, ביי זיי איז נישט דא קיין תורה.

נאך א זאך וואס זיי זאגן איז 'אפטיילן', יעדע מענטש האט א רעכט אויף זיך, די ווייב דארף טראכטן צו איר מאן איז נישט קיין שטער פאר איר פערזענליכע לעבן.

פאר מען וויל טראכטן צו מען זאל האבן נאך קינדער, דארף מען טראכטן וועל איך קענען ווייטער אנגיין מיט מיין לעבן, וכדומה, ווי געזאגט איז עס אויפן שפיץ גאפל, עס איז פיל טיפער און ערגער ווי איר האט געשריבן.

**תחזקנה ידיכם!**



## מחבל - מטפל

**די רעדאקציע האט באקומען די בריו אין לשון הקודש מיר זעצן עס איבער אויף אידיש.**

איך שיק אייך דא אייער ארטיקל איבערגעזעצט אויף לשון הקודש, איך בין אליין געווען א טעראפיסט... ביז איך מקורב געווארן צום רבי'ן...

דערנאך האב איך אפגעלאזט די קליניק (ווי איך האב געארבעט אלס טעראפיסט) און איך האב אפגעמאכט אז איך גיי נישט בעטן קיין געלט פון אלע וואס זענען מיר געווען שולדיג געווען פאר מיין ארבעט.

בייגעלייגט האט איר מיין אפיצעלע לייסענס אז איך בין מוכשר צו זיין א מטפל.

**י.ל.**







## ענטפער פון די רעדאקציע

מיר האבן באקומען פולע בריוון וועגן דעם ארטיקל פון 'טעראפיסטן טעראריסטן', זעט אויס אז די ארטיקל איז אנגעקומען זייער ווייט, רוב בריוון זענען די זעלבע, עס איז איינגעטיילט אין צוויי, די וואס זענען נאכגעיאגט באטראפן געווארן פון די לינקע טעראפיסטן, פאר זיי טוט וויי פארוואס מיר האבן אריינגעלאזט אין אונזער צייטונג אזא ארטיקל, און דערנאך זענען דא די אנדערע וואס האבן ליידער זיך אפגעבריט פון דעם קליפה.

עס איז אינטערעסאנט אנצומערקן, אז די ארטיקל ליגט שוין ביי אונז א לאנגע צייט, און עס איז שוין געווען אין פלאן אז עס וועט אריינגיין שבת בראשית אינעם בלעטל, נאך לאנג איידער דער פערכליכע פראגראם אין ארץ ישראל, דער בלעטל מיטן ארטיקל זענען שוין געווען גרייט צום דרוק אבער מיר האבן נישט געוויסט צו יעצט אין אזא צייט קען מען דאס ארויסגעבן צוליב די האקלקייט פונעם ענין.

למעשה נאכן איבערטראכטן, און נאך פולע תפילות איז אונז אויסגעקומען אז עס איז פונקט פארקערט, 'הלא דבר הוא', אן ארטיקל ליגט אזוי לאנג און עס איז אנגעגרייט ממש פאר די צייט, זעט אויס אז מן השמים האט מען געפירט אזוי אז עס זאל יעצט ארויסקומען.

מיר ווילן קלארשטעלן אז ווען מיר שרייבן קעגן טעראפיסטן איז עס געצילט טאקע קעגן די אנגעליינטע לינקע טעראפיסטן וואס זייער השקפה איז אויסריינן אידישע שטובער, און גיין קעגן די תורה, וואס ליידער זייער אסאך פון די טעראפיסטן זענען פון די סארט.

טאמער איר זענט א טעראפיסט און איר גייט בדרך התורה, איר לערנט אייערע קליענטן צו בלייבן געטריי צו עלטערן, ווי אזוי זיי זענען, איר לערנט אייערע קליענטן אז חתונה האבן איז **יא** א סעלושין (לעזונג), איר לערנט אויס אייערע קליענטן אז אין סיי וועלכע מצב זענט קענט איר רעדן און בעטן דעם אייבערשטן, און **נאר** ער קען העלפן און קיינער אנדערש נישט, דאן האבן מיר אייך נישט געמיינט.



# צום פינטל

## זאמד אין די אויגן

עס פייפט עס ליארעמט מען מוז לויפן....

די וואך האבן מיר זיך געטראפן אין א פונקט פארקערטע דילעמע ווי געוועגטליך, די וואך, ממש ווי אפגעשמועסט פון פאראויס האבן אלע שרייבער פון 'צום פינטל' אריינגעשיקט זייערע ארטיקלען. מיר האבן אנגעהויבן ארייננקוקן וועלכעס עס וועט זוכה זיין אריינצוגיין אינעם בלעטל, אלע זענען הערליכע ארטיקלען פול מיט זאפט, עס איז זייער שווער געווען מחליט צו זיין וועמענס ארטיקל וועט עולה זיין על שלחן מלכים. מיר האבן אנגעהויבן קוקן, זוכן, אפשר וועט מען ווארפן גורל, אפשר דאס, אפשר יענץ, אזוי סארטירנדיג די פאפירן און שפעקולירן פלוצלינג... ניין עס איז נישט די שבת פייפער... עס איז די סירענעס וואס טוט ווארענען, עס פייפט עס לארעמט מען מוז לויפן.... עס קומען צו פליען ראקעטן פון עזא (גאזא בלע"ז).

אגב דאס וואס זיי רופן עס גאזא מיט א G דאס איז אזא מין שלעכטע געוואוינהייט... אזא קראנקהייט... פון די וואס האבן פאברעצירט דעם ענגלישען שפראך. זיי האבן אזא שווערע נאטור... אז ווי זיי קענען אריינווישן דעם לעטער G ווערלן זיי עס געבן אזא לייג אריין... ממש ווי יענער קעכער וואס לייגט אריין - אין יעדע אייטעם וואס גייט ארויס פון אונטער זיינע הענט - דעם עווריטינג ספייס... איך טראכט צו מיר אלעמאל, ווי - רבונו של עולם קומט אריין די עווריטינג ספייס אין חלה, אין קארטאפל קוגל, אין שטולענט... אבער ביי אים איז נישט דא קיין חכמות, עס שטייט מפורש ארויסגעשריבן אויפן באטל אז דאס איז 'עווריטינג' ספייס, נו אז דאס איז עווריטינג, דארף מען עס דאך אריינלייגן אין א-א-אלעס... כאפסט? אזוי איז מיט דעם וואס האט אויסגעטראפן דעם ענגלישן שפראך, ווי זיי האבן נאר געקענט האבן זיי אריינגעווישט דעם סיילענט G, ווי פונקטליך קומט אריין א דזשי אינמיטן ליי"ט, ווי קומט עס אריין אינמיטן טיי"ט, באא"ט (געקויפט), אפילו דעם קאמפעי'ג'ן לאזן זיי נישט געמאכט, דארט האבן זיי אויך געמוזט ארייננשטעלן דעם שטילן דזשי, נו גיי פרעג א קשיא אויף א גויאישן קאפ.

איז דא האבן זיי אויך צוגעשמאלצן דעם G פשוט פארן שיפור הלשון... עזא? וואס עפעס? פארוואס נישט גאזא? שוין... ויקרא שמו בישמעאל גאזא...!

איז איך שיהיה, איך ברויך יעצט אראפגיין אין בונקער, עס פליט פון ערגעץ - צו פון עזא צו פון גאזא' וויאזוי דאס פלאץ זאל הייסן - פון דארט פליען יעצט ראקען, און די אלארמען טוען אונז ווארנען 'אריין אין די שעלטער'ס, אריין אין די בונקערס'.

סתם אזוי וואלט איך מיר ווייטער געטון וואס איך האב געהאלטן אינדערמיט, אבער אלס 'מצוה לשמוע דברי חכמים' דער ראש ישיבה שרייבט קלאר אז ווען עס פייפט, מען דארף טאקע נישט לויפן, און מען זאל חס ושלום נישט פאניקן, אבער מען זאל אראפגיין טאקע אן קיין בהלה. האבן מיר צאמגענומען דאס גאנצע געזונדל ויסעו, מיר גייען אין שעלטער אריין. אויפן וועג האבן מיר גע'חזר'ט: קיינער קען אונז גארנישט שלעכטס טון! דער אייבערשטער איז דא, דער אייבערשטער היט אונז! מיר האבן א מזוזה! מיר היטן שבת, מיר גייען אראפ ווייל דאס איז א מצוה, מיר גייען ארייננכאפן נאך א מצוה. אזוי זענען מיר אנגעקומען צום שטאק פונעם שעלטער.

אזוי ווי איך עפען די טיר פונעם

בונקער, קומט מיר ארויס א פארשטויבטע גרויך, א גרויך פון אלטע ספרים, הערסטו... א נאדל קענסט דארט נישט אריינשטעקן, מיר שטייען פארענט פונעם אנגעפאקטער בונקער, איך האב אינגאנצן פארגעסן פון מיין אוצר, פאר בערך דריי פיר יאר צוריק האט זיך מיין שוואגער אריבערגעצויגן צו א נייע דירה, האט ער מיר געבעטן אויב איך קען אים האלטן פאר 'ממש אפאר טאג' זיינע ספרים/ביכער וואס ער ניצט נישט אזוי רעגלמעסיג, אפאר טאג איז אפאר טאג... דארט האב איך עס אריינגעפאקט און דארט ליגט עס נאך ביז דער יעצטיגע מינוט.

יעצט שטיי איך דא מיט מיין ווייב און קינדער פארענט פון די אלע אלטע אנגעזאמלטע ביכער, וואלט דארט געליגן א משניות, א גמרא, א תהילים, וואלט איך מיך נאך געקענט באשיצן דערין, ניין? ווי איז דען דא א בעסערע פלאץ זיך צו באשיצן אויב נישט אין די הייליגע תורה? אבער אין די אלע סארט ביכער און אלטע בלעטער, דארט קען מען זיך זיכער נישט באהאלטן.

שוין די סירענעס האבן שוין אויפגעהערט צו פייפן, אבער אויב איר קענט מיך, איך טאר נישט שטיין אין די ד' אמות פון קיין שום ליין מאטריאל, עס שטעלט מיך אין א באלדיגע געפאר... איך קען אין איין רגע פארשווינדן ווערן פאר גאנצעטע שעות...

יא! הדרן עלך הדרן עלך... יא מ'האמיר גענדיגט דאס ביכל מ-דאשקע ל-דאשקע... פארברענט אפאר שעה, אבער די קאפ דרייט זיך מיר... איך זע גארנישט, איך זע זאמד אין מיינע אויגן... ווי אזוי בין איך אזוי פארנארט געווען, איך בין ברוך השם/ליידער אויפגעוואקסן אין א ווינקעלע פון א עדה קדושה, אבער דארט איז דער טאג ה' אייר דער טאג וואס די פעלקער האבן צוריקגעגעבן פאר אידן זייער




לאנד, ארץ ישראל איז צוריקגעגאנגען צו איר אייגענטומער - מיר אידן - ביי אונזער קרייז איז דער טאג איז אזא מין לופטיגע טאג, מען פייערט נישט הויך, אבער עס איז אזא טאג... נו... אלס קינד פלעג איך ליב האבן צו גיין זען די פייער קרעקער'ס וואס זיי ווארפן אין יענעם טאג צו פייערן לכבוד דעם יום העצמאות, א טאג פון זעלבסטענדיגקייט, מיר פלעגן כסדר אפ'חוזק'ן פון די קרייזן וואס זענען קעגן דעם געדאנק אז אידן זאלן האבן א אייגן לאנד, ווי נישט מ'האמיר דאך א רואיג ווינקל, ווי מען שטערט אונז נישט, מיר גלייבן אינעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט דאך געגעבן דאס לאנד פאר אברהם אבינו, נו איז דאך דאס אונזער לאנד.

אבער ליינענדיג דעם בוך, א שיינע היסטאריע ביכל דער בוך הייסט 'על גאולתינו' (ארויסגעגעבן געווארן אין אמעריקא דורך ר' משה דוד כ"ץ), אינעם בוך ברענגט ער די היסטאריע ווי אזוי עס איז געווארן פון ארץ ישראל צו מדינת ישראל, איך האב געדארפט איבערקוקן צו איך זע גוט, די שנאה וואס די אבות הציונים האבן געהאט צו אידן, שטיקלעך פונעם יומן פון הערצל שר"י (וואס ער איז פארהייליגט אלס דער 'חוזה המדינה'), ווי ער שרייבט מיט אזא שנאה צו אידן. ווי זיין ערשטע פלאן פון מאכן אז אידן זאלן מער נישט ליידן פון אנטעסימעטיזים איז געווען... נישט מער און נישט ווייניגער, פשוט און פראסט אריבערברענגן גאנץ כלל ישראל צו קריסטענום! אוי! די ווערטער וואס ער האט זיך באניצט קעגן די טייערע הייליגע אידישע פאלק, ווי ער רופט זיי פאראזיטן, ער שרייבט אז ער פארשטייט זייער גוט פארוואס דער קולטורעזירטער בערלינער גוי האט פיינט דעם איד, די אידן זענען זיך אליין שולדיג, (ער איז געשטארבן בערך 30 יאר איידער די צווייטע וועלט קריג, דאס אלעס האט ער געשריבן בערך 50 יאר איידער עס האט זיך אויסגעוויזן דעם אמת ווער די נאבעלע דייטשע חיות זענען).

די קאפ דרייט זיך מיר....

איך שטיי און איך טראכט ווי אזוי קען דאס זיין, איך האב אלעמאל געמיינט מיר זענען דאך אין ארץ ישראל, מיר זענען אנטלאפן פון גלות ווי מען האט אונז גע'הרג'עט און געמארדעט, מיר זענען געגאנגען צו א פארזיכערט פלאץ, וואס באלאנגט פאר אונז אידן, און ווי אזוי קען זיין אז דא, און נאר דא, פון די גאנצע וועלט ווי עס וואוינען אידן, זענען במשך די פאר יאר פון ווען ארץ ישראל איז לכאורה געווארן א פלאץ ווי אידן וועלן קענען רואיג וואוינען, דא וועט נישט זיין די אלע פאגראמען וואס עס פלעגט זיין אין די מיטל אלטער, אין אוקריינא, אין רוסלאנד, אין דייטשלאנד, דא וועט עס נישט געשען ווייל די לאנד באלאנגט צו 'אונז', און 'מיר' וועלן עס היטן און אכטונג געבן אז קיינער פון

די וואס העצן קעגן אידן זאלן דא נישט אנקומען.

אפילו זיי ווילן זיך ווילן דערנענטערן צו אונזער לאנד, האבן מיר אויפגעשטעלט א שטארקע מיליטער, די שטערקסטע אין די וועלט, וואס אויב גאנטע ימ"ש (וואס האט אויסגע'שחט'ן 30 טויזענט אידן אין אומאן הי"ד) אדער כמעלניצקי ימ"ש (וואס האט געמארדעט טויזענטער אידן אין אוקריינא) אדער אנדערע רוצחים ווי היטלער ימ"ש, אויב זיי ווילן זיך דערוואגן און ווילן עפעס שלעכטס טון פאר אידן, ווילן מיר אכטונג געבן, מיר ווילן זיך נישט לאזן גיין ווי שאף צו די שחיטה, און נישט נאר אין אונזער לאנד ווילן מיר פראטעקטן, נאר מיר ווילן היטן די גאנצע וועלט, וואו א איד וועט זיין וועט ער האבן די רואיגקייט אז מיר האבן אין אונזער לאנד אונזער מיליטער וואס גייט קומען אונז העלפן אויב עס וועט געשען סיי וואס.

אבער ווייזן ווייזט זיך אויס אז זייט מען האט אנגעהויבן דעם רואיגן... לעבנס שטייגער, איז זייער אינטערעסאנט, אין די גאנצע וועלט וואוינען אידן מיט א רואיגקייט, זעלטן אז א איד זאל גע'הרג'עט ווערן, און דא אינעם פארזיכערטע לאנד מיט די שטערקסטע מילטער, אינעם מערסט פארזיכערטע פלאץ פאר יעדן איד איבער די וועלט, דייקא דא זענען שוין ליידער אומגעברענגט געווארן אזוי פיל ווי 24,213 אידן, איבערלאזנדיג טויזנטער יתומים און אלמנות, וועמענס לעבן איז שוין קיינמאל נישט די זעלבע ווי עס איז געווען.

בלויז די טערער קרבנות במשך די אלע יארן האבן שוין איבערגעלאזט אזויפיל ווי 3,420 יתומים, צווישן זיי 122 יתומים פון ביידע עלטערן, 800 אלמנות, 851 עלטערן וואָס האָבן פארלוירן זייערע קינדער, און צענדליגער טויזנטער פארוואונדעטע אויפ'ן גאנצן לעבן ר"ל.

איר קוקט אויף די נומערן 24,213 דאס זענען נישט ציפערן וואס איך האב געבאקן, און דאס איז נישט עפעס א טעלעפאן נומער פון א סקעמער, אדער פון א איד פון קליוולאנד, דאס זענען עמטליכע ציפערן פון אידן וואס זענען גע'הרג'עט געווארן זייט מען האט געגרינדעט מדינת ישראל, און... די נומערן האט נישט סאטמאר אדער נטורא קרתא ארויסגעגעבן, דאס קומט פון די פארשטייער פון אונזער מדינת ישראל, וואס זיי געבן ארויס אינעם יום הזכרון (מעמאריאל דעי) א טאג בעפאר די יום העצמאות (אינדעפענדעטס דעי) דאס איז די טאג וואס מיר האבן זוכה געווען צו באקומען א אייגן ווינקל, א לאנד וואס קיינער וועט אונז קיין שלעכטס נישט טון.

די נומער 'פיר' און צוואנציג טויזענט צוויי הונדערט און דרייצן' אידן וואס זענען גע'הרגעט געווארן זינט די הקמת המדינה, דאס זענען נומערן וואס זיי האבן פארעפענטליך פאריאר יום ד' לחודש אייר תשפ"ג! און וואס טוט זיך יעצט ווען עס זענען צוגעקומען די הרוגים פון די יעצטיגע 'שמחת תורה פראגראם' וואס איז געווען די בלוטיגסטע אין אידישע היסטאריע, זינט ל"ג בעומר תש"ה ווען עס איז אראפגעלייגט געווארן דעם שווערד פונעם מלאך המשחית, וואס האט געבודזשעוועט זעקס יאר און פארניכטעט צווישן זעקס און זיבן מיליאן אידן, איז נאך אזאנס נישט פארגעקומען.

מיין קאפ האמערט...... ווי אזוי קען דאס זיין אז דווקא דא אין די מערסטע פארזיכערטע פלאץ פארן גלות איד, זענען אזויפיל קרבנות גע'הרג'עט געווארן, ס'איז נישטא נאך א פלאץ אין דער גאנצער וועלט וואו אזויפיל צענדליגער טויזנטער אידן זענען אין די לעצטע יארן דערמארדעט געוואָרן מיט אלע ערליי מיתות משונות און ווי יעדעס יאר ווערן אַזויפיל אידן ברוטאל גע'הרג'עט, נאר דא אין אונזער פארזיכערטע מדינה, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן צו באַקעמפן די גזירת הגלות.

די פלאץ וואס האט געזאלט זיין א "ישועה צו דער האַנט" פאר כלל ישראל, א "קישעלע פאר משיח וועט קומען" אריינגעפלאכן אין דעם די פסוקי הנבואה פון "עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים", דוקא דארט גיסט זיך נעבעך אידיש בלוט אויף א פארנעם וואס האט נישט זיינס גלייכן אין די וועלט.

וויאזוי קען זיין אז יעדעס מאָל ווען עס דאכט זיך פאר די מדינה פירער אז מען האט געשפריצט א האנקנקרייץ אדער נאכגעשריגן א איד סיי וואו איבער די וועלט, ליארמען זיי אז מען דארף מאכן א עלי'ה קיין איזראעל, ווייל דארט איז די "סעיף העווען" פון אידישן פאלק. אין א צייט וואס איזראעל איז ליידער דער גרעסטער מקום סכנה וואו דאס לעבן פון אידישע נפשות ווערן יעריליך פארשניטן, רח"ל.

עס איז מיר א בייז ווינדער, פארוואס האב איך מיך געלאזט פאר'נאר'ן אלע יארן, פארוואס האב איך דאס נישט געוויסט, הערשט יעצט האב איך אויסגעפונען אז די מדינה האט ריזיגע קוואנטומען פון זאמד, וואס ווען עס טוט זיך עפעס, טוען זיי פארטושן דעם עולם און מען כאפט נישט, זיי האבן על כל צרה שלא תבא א זעקל זאמד וואס מען ווארפט אונז אין די אויגן אז מיר זאלן פשוט נישט כאפן וואס באמת עס קומט פאר דא.

שעפעלע בובאלע... קום אהער, מען קען נישט אויסשפילן דעם אייבערשטן, מען קען נישט אנטלויפן פון גאט, מען קען זיך נישט צומאכן די



אויגן און זאגן לאמיר מיטגיין מיט די מענטשן, זיי זענען טאקע אפיקורסים, אבער וואס גייט עס מיך אן, איך גלייב אינעם אייבערשטן, איך גיי מיט מיט זיי, איך פריי מיך שטילערהייט אז מען קען פארוואישן פארדעקן, איך גיי מיט טלית ותפילין, איך היט שבת, און ווען דער ראש הממשלה געט א רעדע הער איך אים אויס מיט א ווארימקייט, איך שפיר מיך אינדערהיים, נו אז ער היט נישט קיין שבת דאס איז נישט מיין געשעפט, וואס דארף איך מיך בויען אויף יענעם... יעדער האט זיך זיין וועג אים לעבן, איז וואס איז מיר א נפקא מינא וואס יענער טוט.

איך ווייס אליין נישט פארוואס, איך האב באקומען אזא האס צו מיין פארטיי, אזא האס צו דעם מדינה, אזא האס צו יעדער וואס האט נאר געהאט א שייכות מיטן צושטאנד קומען פון דער מדינה, יא! איך האב אנגעהויבן צו באקומען א שרעקליכע שנאה צו די פארפירער פון די לעצטע הונדערט יאר, די אלע וואס ביי אונזער פארטיי זענען געווען העלדן, ארויפגעקוקט, האט זיך מיר אויפגעוועקט א האס, וואס האט געפעלט פאר אידן אין אייראפא, וואס האט אונז געפעלט אין אמעריקא, אין תימן, איראן איראק, סוריא, לבנון, ווי מיר אידן האבן געלעבט רואיג ביז מען האט אנגערייצט די ארבישע וועלט, ווייל מען האט געוואלט מאכן א 'פארזיכערטע לאנד', און... וואס האט אונז געפעלט אין ארץ ישראל אויב עס וואלט באלאנגט פאר עפעס א שעיך א מוחמד? מיר וואלטן געקענט פארן אין שכם, חברון, לבנון. מיר וואלטן געקענט זיין אין גאנץ ארץ ישראל אן קיין מיליטער וואס געבט אכטונג אויף אונז, ווי אזוי האבן קלוגע מענטשן געשוויגן? ווי אזוי האבן מענטשן צוגעלאזט אזא נער'ישע טיפש'דיגע זאך, מאכן א מדינה, צווישן לייבן און וועלף, און אריינלייגן יעדן איד אין א סכנה?

ביי אונז האט מען געוויסט אז די וואס זענען קעגן מדינת ישראל זענען שונאי ישראל, קנאים, שלעכטע און עקסטערמיסטישע מענטשן, און אנדערע לשונות וואס מען האט געניצט אויף זיי, אין די צייט וואס עס איז פונקט פארקערט אז דייקא זיי זענען געווען די אמת'ע אוהבי ישראל, וואלט מען זיי אויסגעהערט וואלטן אידן געלעבט רואיג.

און צו די זעלבע צייט איז עס אויך א מורא'דיגע לימוד זכות וואס מען מוז טענה'ן צום אייבערשטן, מען זעט ווי עס טוט זיך קיטרוגים אויף אידישע קינדער, אזאנס וואס עס טוט זיך יעצט אין ארץ ישראל, אלעס קומט צוליב וואס די מקטריגים זאגן פארן אייבערשטן אז אידן זענען שלעכט, אבער מיר מוזן טענה'ן צום אייבערשטן:

**"אידישע קינדער ווילן זיין גוט, אידישע קינדער זענען וואויל, אידן זענען א טייער פאלק"**

**"וואס זאלן מיר טון אז מען האלט אונז אינאיין פארפירן"**

**"וואס זאלן מיר טון אז די אמת'ע מנהיגי ישראל זענען אזוי פארשעמט און אפגעלאכט".**

**"הייליגער באשעפער! וואלטן מיר געהאט רבי"ס מנהיגים וואס וואלטן אריינגעלייגט אין אונז אמונה וואלטן מיר געווען גוט און וואויל!**

**"א שאד א שאד! פארוואס זאלן אידן באשטראפט ווערן, פארוואס זאלן אידן גע'הרג'עט ווערן, נאר ווייל זיי ווערן כסדר נעבעך פארפירט און פארפלאנטערט דורך די עירוב רב, און צו דער זעלבער צייט זענען די צדיקים געווען צו שאנד און צו שפאט!**

דאס איז א גוטע טענה וואס מען דארף טענה'ן צום אייבערשטן, בפרט אין די טעג, אז ער זאל שוין רחמנות האבן אויף אידישע קינדער.

איז לאמיר בעטן איין תפילה: **"הייליגער באשעפער ראטעווע אונז פון אונזערע פיינט, סיי פון די וואס פאררופן זיך אלס פארטרעטערס פון אידישן פאלק, און סיי פון עשו און ישמעאל, לייז אונז אויס פון זייערע הענט, מיר ווילן נאר זיין באשיצט אונטער דיינע פליגלען".**

לאמיר זיך צוגעוואוינען צו כסדר מאכן מיט די ליפן די ווערטער וואס דער ראש ישיבה שליט"א שעפשעט כסדר יעצט אין די טעג **"הייליגער באשעפער היט אידן, הייליגער באשעפער וואטש אידן".**

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער




## אמעריקאנער פרעזידענט'ס באזוך אין מיטל מזרח געשטערט צוליב שפיטאל אויפרייס אין עזה

דער אמעריקאנער פרעזידענטביידען האט זיך פאריגע וואך ארויסגעלאזט אויף א קורצע באזוך מיט א פלאן צו פארן פאר זיצונגען אין ארץ ישראל, און דערנאך קיין ירדן, ווי מען האט געפלאנט צו האבן א זיצונג מיט ירדנ'ס קעניג אבדולא, פאלעסטינער פרעזידענט אבאס, און עגיפטנ'ס פרעזידענט על-סיסי. בשעת דער פרעזידענט איז געווען אין די לופט, האט פאסירט א גרויסע אויפרייס אין א שפיטאל אין צפון עזה, ווי פאלעסטינער זענען אומגעקומען, דאס האט גורם געווען אז דער זיצונג אין ירדן איז תיכף אפגערופן געווארן.

די אראבישע וועלט האט געליארעמט אז מדינת ישראל האט געשאסן א מיסל צום שפיטאל, און די מידיע האט עס תיכף אפגעקויפט אן קיין פראגעס, און אין די גאנצע וועלט האבן די העדליינס געלויטעט 'איבער פינף הונדערט אומגעקומען אין מדינת ישראל אטאקע אויף שפיטאל אין עזה'. און אפילו אין די פרייע אמעריקע וואס האלט זיך אלס שטיצער פון מדינת ישראל האבן עס רוב מידיע נעצן אזוי געדעקט.

אין א אנדערע געלעגענהייט קען מען דעקן די נושא איבער ציונות, קנאות, ווער איז שולדיג, און ארומרעדן אז די מדינה איז באמת א מרידה במלכות שמים פון די ערשטע מינוט, און אלע אנטיסעמיטיזם וואס איז דא אין די גאנצע וועלט איז וועגן זיי, וואס דאס וועלן מיר יעצט נישט אדורכרעדן, דאס פארלאנגט זיך א לאנגע אריכות.

דא וועלן מיר בארירן אן אנדערע פונקט, פארוואס זאל זיך די מידיע צוכאפן צו דעם ליגנט אז מדינת ישראל איז שולדיג אינעם אויפרייס נאך איידער מען האט אפילו געהאט א שאנס עס נאכצוגיין?? פון וואו האבן זיי גענומען די קאנפידענץ צו באריכטן אין די ערשטע מינוט מיט אזא בלעכענעם פנים אז מדינת ישראל איז שולדיג דערין, אפילו זיי ווייסן אז דאס וועט אויפרייצן די גאנצע אראבישע וועלט - וואס מאכט ליידער נישט קיין חילוק צווישן א איד און די מדינה - קעגן אידישע קינדער? און די אמת איז ביים סוף געווען אז די אראבער אליין האבן דאס געשאסן בטעות אויפן שפיטאל, און אליין אומגעברענגט זייערע אייגענע בירגער.

דאס האט מען געזען אפילו ביי צייטונגען וועלכע ווערן ארויסגעגעבן דורך אידיש אפשטאמיגע ארויסגעבער ווי די ניו יארק טיימס. און די תוצאות האבן נישט געשפעטיגט צו קומען. אין די גאנצע וועלט - בפרט אין די אראבישע וועלט - האבן זיך צענדליגער טויזנטער מאסן זיך ארויסגעלאזט אויף די גאסן אין פראטעסטן האלטנדיג די פענער פון פאלעסטינע שרייענדיג "אלא אכבאר". ערליכע אידן פארלאזן זיך אויפן אייבערשטן, וויסנדיג אז ער פירט די וועלט, און קיינער קען מיר נישט טון נישט קיין שלעכטס און נישט קיין גוטס אן דעם וואס דער אויבערשטער האט אזוי געוואלט.

וואס מען קען ארויסנעמען פון די גאנצע סומאטוכע איז אז מען קען די נייעס נישט גלייבן קיין כי הוא זה. עס איז א שאד יעדע מינוט

וואס מיר געבן אוועק צו ליינען וואס די אינטערנעט אנגעפאשעטע שרייבערס ווילן אונז פארקויפן, ווייל די זעלבע זאך טוען זיי כסדר, זייער אגענדע איז סך הכל אנצודרייען כאאס, און צושלעפן תמימות'דיגע ליינער, וואס ווילן דערשראקענערהייט לויפן קויפן זייער צייטונג כדי צו וויסן די לעצטע "קראנטע" נייעס...

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אייביג אז די פרשת השבוע דאס איז אונזער נייעס. די העדליינס היינט איז, אז דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן זיין ווי אברהם אבינו און מפרסם זיין און מגלה זיין פאר די גאנצע וועלט אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט און נאר צו אים דארפן מיר זיך ווענדן ווען מיר האבן א צרה לא עלינו, נאר ער קען אונז העלפן און קיין אנדערער נישט.

דאס איז אמת'ע קראנטע נייעס, און מיט דעם וועלן מיר האבן א גוטע לעבן סיי אויף דער וועלט און סיי אויף יענער וועלט.




## אמעריקאנער סטעיט דעפארטמענט לייגט ארויס גלאבאלע סעקיורטי אלערט

די סטעיט דעפארטמענט פון די פאראייניגטע שטאטן - די זעלבע וואס האבן געווארענט פאר ראש השנה אז מען טאר נישט פארן קיין אומאן - האט א סיסטעם אויף זייער וועבסייט וועלכע זיי רופן "טראוועל אדווייזערי" דאס מיינט אז זיי ראטן צי מען זאל פארן אין געוויסע לענדער אדער נישט. ווען מען קלאפט אריין א נאמען פון סיי וועלכע לאנד אויף דער וועלט וועט ארויפקומען אן אלערט איינע פון פיר שטאפלען. 1 בלוי, איז די נידעריגסטע וואס זיי רופן "זיין נארמאל פארזיכטיג" וואס מיינט אז מען קען דארט פארן. 2. געל, "זיין מער פארזיכטיג", 3. אראנדזש, "טראכט איבער צי דו זאלסט דארט פארן און 4. רויט, "פאר נישט אהין".

די סיבות פארוואס די רעגירונג לייגט ארויף לענדער אויף די פארשידענע שטאפלען פון אדווייזעריס זענען געוועונליך געבינדן צו סיבות ווי אומסטאבילע רעגירונגען, פאליטישע איבערקערענישן, טעראריזם וואכזאמקייט, און פאבליק געזונט ריזיקעס. די סטעיט דעפארטמענט האבן ספעציעלע באאמטע וואס קוקן כסדר נאך און האלטן אן אויג אויף די פילע לענדער איבער די וועלט, און ווען עס קומען ארויף איינע פון די סיבות וואס מאכן לויט זיי א סכנה צו רייזן אהין, וועלן זיי ארויפרוקן דעם אדווייזערי שטאפל, און צושרייבן די סיבה פארוואס זיי האלטן אז מען דארף זיין דארט מער פארזיכטיג.

לאור וואס אמעריקע האט זיך אריינגעמישט אין די מלחמה אין מיטל מזרח, און האט געברענגט אויף זיך די אויפברויז פון די מוסלומענער, האט די סטעיט דעפארטמענט ארויסגעלייגט אן אראנדזשע "אלוועלטליכע פארזיכטיגקייט אלערט", און געבעטן רייזענדע און אמעריקאנער אין אויסלאנד צו זיין באזונדער אויף די וואך פאר פאטענציאלע סכנות פון אויפגעברויזטע מוסלומענער אדער אראבער וועלכע קענען וועלן נקמה נעמען אויף דעם וואס אמעריקע מישט זיך אריין אין די מיטל מזרח קעגן זייערע אינטערעסן.

יעצט ווען די סטעיט דיפארטמענט האט ארויסגעלייגט דעם אלוועלטליכן סעקיורטי אלערט דארף מען געדענקען אז קודם כל איז עס דער אייבערשטער וועלכע געבט אונז סעקיורטי, און עס איז נישטא פון וואס מורא צו האבן, ווייל מיר האבן א גרויסער גאט וועלכע היט אונז אויף טריט און שריט.

און צו די אלע וואס פאניקן נאך אלס איז גוט אנצואווייזן, אז אויב אונזער זכרון ארבעט גוט האט די זעלבע סטעיט דעפארטמענט ארויסגעלייגט א נומער 4 רויטע "פאר נישט אהין" טרעוועל אדווייזער אויף אוקריינא, און האט אפילו ארויסגעלייגט א סטעיטמענט פאר ראש השנה אז די דעפארטמענט אויף סטעיט רעקאמענדירט אז אמעריקאנער בירגער זאלן נישט פארן קיין אוקריינא, און האבן ווייטער ארויסגעשריבן "דער רעקאמענדאציע גייט ארויף אויף אמעריקאנער בירגער וואס טראכטן צו רייזן קיין אומאן אויף ראש השנה", ווייטער האבן זיי ארויסגעברענגט אז זייער אמבאסאדאר אין קיעוו איז זייער געצווימט, עס גייט פאר א מלחמה און אזוי ווייטער.

עס איז איבעריג צו זאגן אז די צענדליגע טויזנטער וואס זענען געפארן קיין אומאן אויף ראש השנה און די טויזנטער וואס פארן קיין אוקריינא אויף קברי צדיקים זאגן אלע עדות אז אין די געגענטער וואס די אידן פארן איז נישטא קיין זכר פון קיין מלחמה, און אז די גאנצע "טראוועל אדווייזערי" איז אין בעסטן פאל שטארק איבערגעטריבן.

**הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל**

# שטעטל נייעס

## ישיבה קטנה געעפנט אירע טויערן



שוין א לענגערע תקופה וואס דער ראש ישיבה שליט"א רעדט ארום איבער זיין ווילן ארויסצוברענגען די הייליגע ישיבה תפארת התורה צום שטעטל, א זאך וואס האט זיך דערוויל נישט אויסגעארבעט.

אבער יעצט געלויבט דעם אויבערשטן אז די קהילה וואקסט, און מער און מער בחורים פון ישיבה זענען קינדער וואס זענען שוין אויפגעוואקסן אין היכל הקודש, און יעצט ביים אנהייב פון די נייע זמן האבן עטליכע עלטערן וואס וואוינען אין שטעטל געטראכט אריינצושיקן די אינגע בחורים קיין וויליאמסבורג צום ישיבה, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער זעט די יעצטיגע געלעגנהייט אלס א פאסיגע צייט אנצוהייבן צוביסלעך איבערפלאנצן די ישיבה אין שטעטל.

דערפאר האט דער ראש ישיבה באשלאסן אז מען עפענט אויף א פרישע ישיבה קטנה פאר די אינגע בחורים אין שטעטל. דער נייער ישיבה וואס שטייט בראש פונעם ראש ישיבה שליט"א איז שוין אפן ברוך השם און גייט אן מיט א שטארקייט, דער ראש ישיבה שליט"א געבט יעדן טאג א דרשה פאר די בחורים דורך א הוק אפ, מיט חיזוק און הדרכה.

דער ראש ישיבה איז זייער פרייליך מיט די נייע ישיבה, און האט עס גענומען ווי זיין נייע פראיעקט, און זאגט אז ער וועט זיך בעזרת השם אריינלייגן זיין גאנצע כוח אריינצוגעבן אין די בחורים די אלע עצות פון רבי'ן אזויווי מוהרא"ש האט געלערנט, בפרט די סדר דרך הלימוד, דרך ארץ און מידות טובות, אמונה און תמימות, רעדן צום אויבערשטן, און און אזוי ווייטער.

דער ראש ישיבה האט אויפגענומען די ערשטע מגידי שיעור פאר די נייע ישיבה תלמידי חכמים און יראי ה' מו"ה יוסף שניצלער שליט"א און מו"ה אלחנן רוטה שליט"א.

מען ארבעט יעצט אפצוקויפן א פרישן בנין פאר די ישיבה וואס איז הארט נעבן די בנין התלמוד תורה אויף טשעסטנאט, דערוויל האט מען זיך פלאצירט אויף צייטווייליג אין די לאנטש רום פונעם חדר.

ביים נאכט סדר גייט מען אריבער צום בית המדרש אין שטעטל, און דער מגיד שיעור מו"ה אלחנן רוטה שליט"א לערנט פאר א שיעור פאר די בחורים און דערנאך דאווענט מען מעריב.

## פרישע וואלן אין די יעצטיגע טעג




אין די יעצטיגע טעג גייט פארקומען פרישע וואלן פאר קאונטי און טאון זיצן אין אונזער געגענט. די באאמטע האבן די לעצטע יאר צוויי זיך זייער שיין צוגעשטעלט צו אונזערע געברויכן, און כדי צו קענען ווייטער באקומען פון זיי טובות העלפט נאר איין שפראך "שטימען". דא אין אמעריקע ארבעט נאר די שפראך פון שטימען דאס איז זייער שוחד (זעט מער אויף זייט 26).

אינטערעסאנט אנצומערקן אז אין א שטעטל דא אין אפסטעיט האט מען ארויסגעשטימט איינעם פון זיין זיץ און למעשה האט זיך אויסגעשטעלט אז די נייע האט גארנישט בעסער געמאכט. מיר גייען מיט די מהלך וואס דער ראש ישיבה האט אויסגעלערנט אז מיר רעדן שיין צו זיי, און מיר גייען מיט הכנעה אזוי ווי א גלות איד פירט זיך, און דאס האט זיך שוין ארויסגעוויזן אלס גאר א ווירקזאמע מיטל, צו באקומען אלעס וואס מען דארף אויף א גאלדענעם טאץ.

# היכל הקודש
# נייעס

קרית יואל

## נייע שיעור אין גמרא געגרינדעט אין היכל הקודש קרית יואל



אויפן רוף פונעם ראש ישיבה שליט"א פארגאנגענעם ראש השנה אין אומאן אז אלע גבאים זאלן זען צו מסדר זיין א שיעור אין זייער בית המדרש אינעם דף גמרא - זאגענדיג ווי ער געדענקט ווי מוהרא"ש ז"ע פלעגט זיך אלץ בארימען וויפיל שיעורים אין גמרא עס קומען אלץ פאר אין יבנאל - האט ער געזאגט אז דאס איז די פליכט פון יעדע גבאי צו זען אויפצונעמען א מגיד שיעור וואס זאל פארלערנען דעם דף גמרא.

דערפאר איז אונז א פרייד צו מעלדן אז דער גבאי פון בית המדרש היכל הקודש קרית יואל מו"ה יואל פארקאש שליט"א איז געלונגען צו מסדר זיין א שיעור גמרא אין בית המדרש דורך א געשמאקע פארלערנער א אינגערמאן פון אנשי שלומינו, וואס וועט פארלערנען די גמרא קורץ און קלאר און וועט דערנאך צולייגן די חיזוק און עצות וואס מען קען ארויסנעמען פונעם בלאט אויף למעשה געבויעט לויט די תורות און ווערטער פון הייליגן רבי'ן.

דער שיעור ווערט בעזרת השם פארגעלערנט טעגליך אום 9:00, און 9:30 דאווענט מען מעריב.

מיר געדענקען גוט וואס מוהרא"ש פלעגט אלץ רעדן פון די גרויסקייט פון לערנען א בלאט גמרא יעדן טאג, זאגענדיג אז דאס איז א שמירה פאר'ן מענטש ברוחניות ובגשמיות, ווי ער פלעגט אלץ נאכזאגן פון רבי' שלומ'קע זוועהילער זכותו יגן עלינו אז א טאג וואס א מענטש האט נישט געלערנט א בלאט גמרא האט ער א פנים ווי א חי'.

מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן אז דאס וואס עס שטייט אין סיפורי מעשיות וועגן דעם בלאט (בלעטל) אינעם ספר וואס דארט איז געשטאנען די נימוסים פון די אידן וואס האט זיך אריבער געמישט, און דער קעניג האט מורא געהאט, ביז ער האט זיך גע'חלומ'ט "ווילאנג דער בלעטל איז אויף דיר מגין דארפסטו פון קיינעם קיין מורא האבן" אז דאס גייט ארויף אויף לערנען יעדן טאג א דף גמרא, און דאס איז מגין און היט אויף א מענטש אז קיינער זאל אים נישט קענען טון קיין שלעכטס און ער דארף פון קיינעם קיין מורא האבן.

אלוועטליך

## אבות ובנים אין אלע בתי מדרשים היכל הקודש



אין די יעצטיגע פרישע ווינטער סעזאן ווען די זמן מוצאי שבת איז שוין פרי און עס איז דא א לאנגע מוצאי שבת, טוען אנשי שלומינו אויסניצן די געלעגנהייט און זעצן זיך אראפ מיט זייערע קינדער אדורכגיין מיט זיי די לימודים וואס זיי האבן געלערנט במשך די וואך.

די מנהג פון לערנען מיט די קינדער מוצאי שבת וואס ווערט אנגערופן "אבות ובנים" איז געווארן איינגעפירט דורך אונזער רבי' מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, וואס האט שוין יארן צוריק געשריבן א קונטרס איבער די נושא מיטן נאמען "אבות ובנים" ווי מוהרא"ש ברענגט ארויס די וויכטיגקייט פון לערנען מיט די קינדער און זיך נאכפרעגן וואס מען האט געלערנט און אזוי אויך אויפכאפן אויב די קינדער כאפט אויף גוט און ריכטיג די לימודים אין חדר.

אין אלע בתי מדרשים פון היכל הקודש איז איינגעפירט דעם שיינעם מנהג, צו לערנען מיט די קינדער, און מאכן א נענטערע קשר מיט די קינדער. אזוי אויך ווערט פארטיילט עפעס א גוטע זאך פאר יעדן קינד, און נאכן לערנען קומט פאר שיינע גורלות.



# מעשיות פון תפילה

## אבא חייא רייזמאן - בני ברק:

**א)** זייט די גרינדונג פון די חבורה אין בני ברק פאר פיר יאר צוריק, האבן מיר אנגעהויבן צו פארשטיין פון דער ראש ישיבה'ס שיעורים, אז אויב מען וויל האבן א קיום אין היכל הקודש, דארף מען אויפשטעלן מוסדות פאר אונזערע קינדער. און טאקע דאס האט יעדער איינער אנגעהויבן צו טון, גיסן אן א שיעור תפילות אז מען זאל קענען האבן מוסדות היכל הקודש אין בני ברק, אפי' ס'האט אויסגעזען זייער ווייט פונעם מציאות.

ערב ראש השנה תשפ"ג בין איך צוגעגאנגען צום ראש ישיבה און דערמאנט דעם ענין, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו מיר: "ביים ציון וועט מען דאס פועל'ן". און דאס אומערווארטעטע האט טאקע פאסירט. ראש חודש אלול שנת תשפ"ג האבן זיך געפענט די טויערן פונעם הייליגן "תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק", שכח אייבערשטער.

**ב)** דער ראש ישיבה זאגט אז צו פארן קיין אומאן ראש השנה קען מען בארגן געלט, אזוי ווי איך האב נישט געהאט קיין געלט פאר די נסיעה, האב איך טאקע געבארגט זיבן הונדערט דאלער, און מען האט באשטימט אז די זמן הפרעון וועט זיין ביז ראש השנה. איך האב זייער געוואלט באצאלן אלעס ביז ראש השנה, איך האב געוואלט אנקומען צום רבי'ן אן קיין חובות. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זייער אסאך מאל אז איך זאל האבן די גאנצע געלט. אזוי אויך האב איך געוואלט קויפן א מתנה פאר מיין ווייב לכבוד ראש השנה, אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז. איך בין געגאנגען נאך געלט, אבער ס'איז נאך אלס נישט אנגעקומען צו דעם סומע. דעמאלט האב איך געהערט אז דער ראש ישיבה זאגט מען זאל צוגיין צו מענטשן און זיי זאגן אז מען נעמט צאם געלט פאר אומאן. אפילו דאס איז געווען זייער שווער צו טון דאך האב איך מיר געבראכן די בושה און עס געטון. איך בין צוגעגאנגען צו א פאר מענטשן, און דער לעצטער האט מיר געגעבן דריי הונדערט דאלער, און מיט דעם האב איך ברוך השם געענדיגט אויסצאלן דעם גאנצן חוב. שפעטער איז מיר אנגעקומען נאך א סומע געלט פון די זייט, און מיט דעם האב איך געקענט קויפן א מתנה פאר מיין ווייב. שכח אייבערשטער.

**ג)** ברוך השם אז איך בין זוכה משמש צו זיין דעם רבי'ן און זיין א מלמד אין תלמוד תורה היכל הקודש. פרייטיג כי תבוא לאומאן בין איך אויפגעשטאנען מיט האלז ווייטאג, איך בין געגאנגען אין חדר, אבער איך בין געווען זייער שוואך, גאנץ שבת בין איך געליגן אין בעט.

איך האב זייער מורא געהאט אז איך וועל נישט קענען גיין זונטאג אין חדר, כ'האב זייער געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא קענען גיין אין חדר, און נישט פארפאסן אפילו איין טאג פון גיין אין חדר.

זונטאג האב איך שוין געשפירט אביסל בעסער, אבער איך בין נאך געווען זייער שוואך. זונטאג נאכמיטאג האב איך באשלאסן אז מאנטאג וועל איך גיין אין חדר נישט קיין חילוק וואס זאל זיין. אבער איך האב געוויסט אז מיינע אלע החלטות וועלן נישט העלפן, און מען דארף אסאך תפילות עס זאל קענען געשען.

איך האב אנגעהויבן גיסן גוזמאות פון תפילות פון טיפן הארצן אז איך זאל קענען גיין מאנטאג אין חדר, כ'האב געבעטן אזוי שטארק אז איך האב געשפירט ממש די הרגשה אזוי ווי איך האב געשפירט פאר מיין ערשטע נסיעה קיין אומאן.

צוביסליך האב איך אנגעהויבן שפירן בעסער און בעסער. אבער איך האב געטראכט אז אפשר איז דאס נאר אן עצת היצר כדי איך זאל אויפהערן בעטן דעם אייבערשטן. האב איך ווייטער געבעטן און געבעטן. סוף טאג בין איך געווארן זייער שוואך און איך האב באקומען הויך פיבער. איך האב ווייטער געבעטן. צום סוף האב איך אנגעהויבן שוויצן און שוויצן, און די גאנצע שוואכקייט איז ברוך השם אוועקגעגאנגען. שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו קומען אין חדר דעם קומענדיגן טאג.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, עֶס גֶעבְּט כֹּחַ אוּן מֹחַ. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן וֶועגְן פְּחָדִים? עֶס אִיז נִישְׁט אַ נַייעֶ זַאךְ בַּיי מִיר, אָבֶּער לֶעצְטֶנְס אִיז עֶס גֶעוָוארְן אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער, **אִיךְ לַייד גָאר שְׁטַארְק פוּן דִי אַלֶע פְּחָדִים**, עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן מַמָּשׁ פְּשׁוּטֶע זַאכְן וָואס גֶעוֶוענְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אֲפִילוּ נִישְׁט צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּן דֶעם, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה מֵאֵת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ו אִיָּר, מ"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ סְגוּלָה צוּ מְבַטֵּל זַיין פְּחָדִים, צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן ד): **"סְגֻלָּה לְבַטֵּל אֶת הַפַּחַד, לִזְכֹּר אַבְרָהָם אָבִינוּ"**, אַ סְגוּלָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען שְׁרֶעק - דוּרְךְ טְרַאכְטְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אַז מֶען טְרַאכְט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע שְׁרֶעק.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַסַאךְ סְגוּלוֹת צוּ מְבַטֵּל זַיין פְּחָדִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ה): **"בִּצְדָקָה תְּבַטֵּל אֶת הַפַּחַד"**, מִיט צְדָקָה קֶען מֶען אַוֶועקְנֶעמֶען שְׁרֶעק; **"מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ פְּחָדִים, יְזַמֵּר זֶמֶר שֶׁל שִׂמְחָה"**, וֶוער עֶס הָאט שְׁרֶעק זָאל זִינְגֶען פְרֵיילִיכֶע לִידֶער (שָׁם, סִימָן יא).

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַלֶע שְׁרֶעק זָאל אַוֶועקְגֵיין.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



# עין הרע

**אין א שמועס וועגן עין הרע האט דער ראש ישיבה געזאגט:** די זאך פון עין הרע איז נישט קיין פאלשע זאך, עס איז אן אמת'ע זאך. די גמרא זאגט (בבא מציעא קז:) 99 פראצענט מענטשן שטארבן פון עין הרע און 1 פראצענט שטארבט נאטורליך.

ס'איז דא מענטשן וואס ווילן נישט גיין אין גאס צוזאמען די גאנצע משפחה כדי מענטשן זאל נישט לייגן א עין הרע. אויך איז דא ביי געוויסע משפחות וואס ווען מען מאכט חתונה א קינד גייט מען מיט א איבערגעדרייטע קאפל כדי עס זאל נישט שאטן א שלעכט אויג. דער הייליגער סאטמאר רבי זכות יגן עלינו פלעגט איבערדרייען די קאפל ביי די הקפות אנטקעגן עין הרע.

די גמרא פארציילט (ברכות כ.) רבי יוחנן האט זיך געזעצט אויף א אפענע פלאץ כדי מען זאל קוקן אויף אים, כדי דורכדעם זאל מען האבן נאכדעם שיינע קינדער. האט מען אים געפרעגט וויאזוי ער האט נישט מורא געהאט פון עין הרע? האט ער געזאגט אז ער שטאמט פון יוסף הצדיק וואס ביי אים שאדט נישט קיין עין הרע. ווייל יוסף הצדיק האט זיך זייער געהיטן די אויגן, די ווייב פון פוטיפר האט אים געזאגט "קוק אויף מיך", אבער ער האט געזאגט "איך קוק נישט אויף דיר", האט זי געזאגט "איך וועל דיר אויסשטעכן די אויגן", האט ער געזאגט "ד' פוקח עורים". האט זי געזאגט "איך וועל דיר לייגן אין תפיסה", האט ער געזאגט "ד' מתיר אסורים". האט זי געזאגט "איך וועל דיר לייגן אין א קאסטן און דיר איינבייגן דיין קאפ צו די פיס", האט ער געזאגט "ה' זוקף כפופים". ער האט זיך נישט דערשראקן פון איר, האט ער באקומען פאר דעם די מתנה אז עס שאדט נישט ביי אים א שלעכט אויג.

זעט מען פון דעם אז מען היט זיך די אויגן ווערט מען אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס און מען דארף נישט מורא האבן פון קיין שום זאך.

(שיעור דינסטאג נח, שנת תשפ"ג)

# געדאנקען

משה ארי׳ שניצלער

# א לאנגע ווינטער



ברוך השם עס הייבט זיך אן די צייט פון די גאלדענע ווינטער נעכט, אלע טראכטן די יאר גייט מען עס מאכן! די יאר גייט מען לערנען!

אן די וועג פון רבי'ן אז זאגן גמרא און משניות איז לימוד התורה, איז זייער שווער צו מצליח זיין.

וויפיל א מענטש זאל נאר פלאנען צו לערנען וועט אייביג זיין שמחות און טרדות וואס שטערן דאס לערנען, ביז מ'קען חס ושלום דורכגיין א וואך צוויי אן לערנען.....

לעט'ס פעיס איט, ס'גייט זיין מלוה מלכה'ס, שבתון'ס, חתונות, בר מצוות, חנוכה מסיבות, אכט טעג לאטקעס און דאונאטס, נאכדעם אכט טעג פראטי'ען דייעט, אכט טעג בלוט-טייפ דייעט, אכט טעג אינטערמיטענט פעסטינג דייעט, אכט טעג שניידן די מאגן דייעט, אכט טעג בענדל דייעט, אכט טעג sea food דייעט (סי פוד מיינט פיש, סושי בלע"ז, ס'איז נישט מיין שולדיג אז דער רייז סוחר פלאנצט די רייז אויף די יבשה), אכט טעג "עס-די-האלב" דייעט, אכט טעג "עס דאפלט" דייעט, אכט טעג "עס דרייפאכיג" דייעט, אכט טעג "קוק נישט אויף די סקעיל" דייעט, אכט טעג סתם עסן מכל הבא ביד דייעט, וואס איז די פלאן?!...... וואס גייט זיין מיט מיין לערנען......





די בעסטע זאך איז ווען איינער האט יא אמונת צדיקים, און נעמט די וועג פון צדיקים, פון זאגן יעדן טאג אביסל, אביסל משניות, אביסל גמרא, אביסל חומש, אביסל אביסל פילט זיך אן א שיסל, פלעגט מוהרא"ש זאגן. הייב אן מיט פינף מינוט א טאג, דו וועסט ווערן א נייער מענטש, א פרישער מענטש, א פאזיטיווער מענטש, דו וועסט ווערן דער געשמאקער שמועסער וואס יעדער טראכט איך וויל זיין אזוי רואיג ווי אים.

זאגן משניות ברענגט שלום בית, זאגן חומש רש"י איז א תירוץ




אויף יעדע קושיא.

אזוי זאגט דער רבי אין די ערשטע תורה אין ליקוטי מוהר"ן. אז איינער לערנט תורה, האלט אים יעדער פאר א געשמאקער מענטש, פאר א בא'טעמט'ער מענטש, און אז איינער לערנט נישט ווערט ער א נערוון קריכער, ער פארשפרייט א וואלקן פון פינסטערניש און באבלאזנקייט ארום זיך. אז איינער לערנט תורה יעדן טאג קוקט מען אים ארויף אין שטוב, אזוי ווי א חשוב'ער מענטש איז דא. אז איינער לערנט נישט קיין תורה פילט ער אינדערהיים ווי א אומגעבעטענער גאסט.

איך האב א חבר יאנקעלע, זיין ווייב רעד נישט מיט אים, שוין באלד עטליכע וואכן.

נישט אזוי ווייט אז זי רעדט נישט מיט אים, אדרבה, ווען איינער וואלט דארט געגעסן א נאכטמאל וואלט ער געזען אז זיי רעדן געהעריג. נאר ווען זי קען נאר מאכט זי אים פילן ווי א שוטה, ווי א נאר. פון אין זייט האבן זיי א "געהעריגע" שלום בית, זיי גייען אפילו אין סטעיקהאוז ווען ס'געפאלט די טאג פון זייער חתונה צען יאר צוריק, זיי פארן יעדן ווינטער אויף וואקאציע אזוי ווי אלע געהעריגע שלום בית פארפעלקער.

זיי רעדן געהעריג.

נאר וואס דען? זי רעדט צו אים מיט א ביליגקייט, זי מאכט פון אים דאס געגנאר, זי פארשטייט ווי אזוי דאס צו מאכן אז מ'זאל נישט



**זיי גייען אפילו אין סטעיקהאוז ווען ס'געפאלט די טאג פון זייער חתונה**

קענען אנווייזן אויף איר אז זי מאכט איר מאן זאל זיין אונטערן טיש.

(ס'איז געווען אמאל א שטוב וואו די פרוי איז געווען א שלעכטיגקייט און איר מאן איז געווען א לעמעלעקייט, א שפעלעלעקייט, זי פלעגט אים כסדר punish'ן אז ער מוז גיין אונטערן טיש פאר צוויי שעה. איינמאל האט זי אים געזאגט נאך א האלבע שעה אז ער מעג שוין ארויסקומען, ער מוז נישטווארטן ביז צוויי שעה, האט דער לעמעלעקייט געענטפערט מיט א לעמעלע'דיגע קאנפידענס איך קום נישט ארויס ביז צוויי שעה! דא בין איך בעל הבית!)

אדרבה, די כיטרע וועג פון זיין ווייב מאכט עס נאר ערגער, ווען זי וואלט אים געזאגט יאנקעלע ביסט א שוטה'לע וואלט ער געקענט פרעגן א חבר, וואס טוט מען ווען די ווייב זאגט איך בין א



# געדאנקען





שוטה...... בקיצור, יאנקל איז פון די אידן וואס ליידן און ווערן פארשעמט און קענען נישט טרעפן א וועג ווי אזוי צו טוישן דעם אומבאטעמטן מצב אינדערהיים. וואו הייבט מען אן? איז דא עפעס א מעגליכקייט צו מאכן די לעבן רואיגער? געשמאקער?

יאנקל האט שוין פרובירט טעראפיסטן און מקובלים, עצה-געבער (און) גזלנים, בלוט-זויגערס און געלט-זויגערס, לשון הרע מייסטערס און ספעפרעישן עדוויזערס, עין הרע פראווענערס און רויטע בענדעל דאווענערס, ענערדזשי שטיינער, עלעפאנט ביינער, געבענטשטע לעכטעלעך, מלחמה פלעכטערלעך, געדענקמאל צעטלעך, ערבות בלעטלעך, בשמים נעגעלעך, נעיסטן פון פייגעלעך, לצים און קאוטשעס, האטליינס און דרשות, ס'העלפט אזוי ווי אויף טויטע באנקעס.

עפעס האט יאנקל געהערט אז אין ברסלב רעדט מען דרשות פון שלום בית. ער האט אביסל געטון דערין, ער האט אביסל צוגעלייגט קאפ און אנגעהויבן כאפן עטליכע נקודות וואס שטייט אין די ברסלב'ע גליונות.

לעולם האלט נישט יאנקל אז ברסלב איז אינגאנצן אויסגעהאלטן, אבער די מצב אינדערהיים שטיקט אים ביים האלז, עפעס זאגט אים אז אויב ער וועט נישט פרובירן די ברסלב'ע וועג, איז ער א גברא קטילא, טוב מותי מחיי, קצתי בחיי, איך מוז עפעס טון אז איך זאל נישט לעבן אינדערהיים אין א גיהנום....

א נאר איז יאנקל נישט, ער האלט אז מ'מוז פרובירן די וועג פון דאנקען און שעצן די ווייב, אבער איך קען דאך נישט אויסהאלטן די זילותא וליצנותא וואס די פרוי דא טוט מיט מיר.... עס איז זייער שיין און זיס די ברסלב'ע תורה פון רעדן שיין צו די ווייב, אויף פעיפער שטימט עס הערליך, ווען איך זאג איר אבער אז איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך האב באקומען א טייערע פרוי וואס טוט אזוי סאך פאר מיר, הייבט זיך ערשט אן די ליצנות, זיווארפט עס צוריק, איך קען עס נישט דערהייבן, וואס גייט דא פאר? די ברסלב'ע וועג אין שלום בית ארבעט יא? צו ניין? איך רעד שוין אזוי שיין פאר עטליכע טעג און מיין ווייב רעדט צו מיר ווי צו א שוטה, איך בין א סטרעינדזשער אין מיין אייגענע היים, מ'מאכט פון מיר א געשפעט און א גענאר.... וואס טוט מען דא?.....

די ענטפער איז די משניות, אן משניות האט מען נישט קיין כח צו רעדן שיין וועט זי האלט מיך פאר א נאר'על, פאר א גולם'ל.

מען האט נישט אויסגעלערנט יאנקעלע'ן אין זיין ישיבה אז שלום בית איז געבינדן מיט

**אויב ער וועט נישט פרובירן די ברסלב'ע וועג, איז ער א גברא קטילא**





לערנען תורה "יעדן טאג".

יאנקעלע האט געלערנט אין א ישיבה וואו מ'האט געקאָוועט זייער אסאך, אבער נישט אלע וויכטיגע זאכן האט מען דארט גערעדט.

יאנקעלע האט נישט געלערנט אין זיין ישיבה אז אויב מ'זאגט משניות, וועט דיין ווייב דיך האלטן פאר א כליל המעלות, א קלוגער, א וואוילער, א בא'טעם'טער, ממש אלע מעלות! אפילו א שטיקל נגיד..... אלעס ווענד זיך אין זאגן משניות...

אין יאנקעלע'ס ישיבה האט מען נישט געלערנט אז ס'איז נישט קיין מציאות בעולם צו האבן שלום בית נאר אז מ'לעבט מיט'ן אייבערשטן, מיט די תורה, מ'טראכט יעדע רגע וואס איז די רצון השם איך זאל טון יעצט די מינוט. דאס קען מען נישט האבן נאר אויב מ'האט א ערליכער איד וואס דערמאנט עס יעדן טאג.

אז מיין ברודער מאכט א קידוש אין לעיקוואד, און מיין ווייב'ס ברודער מאכט א קידוש אין מאנסי, וואו גייט מען? ס'איז נישט דא קיין שום וועג, קיין שום מהלך, קיין שום אפראוטש, נאר אויב ביידע רעדן צום אייבערשטן און בעטן יעדן טאג ס'זאל זיין שלום, און בעטן דעם אייבערשטן "באשעפער העלף איך זאל זיין אינגאנצן בטל צו דיר, גארנישט ווען, נאר וואס דער אייבערשטער הייסט".

דיין ווייב וויל זיין גוט! (און דו ווילסט אויך זיין גוט!.....) יעדער וויל זיין גוט! אפילו די ערגסטע פרוי אין די וועלט איז נישט געבוירן אזוי! די פאקט איז אז א מאן פילט זיך גוט ווען ער געבט פאר זיין ווייב עטליכע הונדערט דאלער איינצוקויפן. און א פרוי פילט זיך גוט ווען זי שטעלט אהער א מעכטיגע נאכטמאל. דאס איז די געזונטע נאטור, אזוי האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט!

**אויב מ'זאגט משניות, וועט דיין ווייב דיך האלטן פאר א כליל המעלות**

יעדער וויל זיין גוט, נאר ס'איז דא א גרויסער יצר הרע, דער יצר הרע וויל אז ס'זאל זיין א באבלאזענע שטוב, צוויי מענטשן מיט זעק מיט (געקעכטע) טענות איינער אויפ'ן צווייטן.

די איינציגע וועג וואס מ'קען נאך פרובירן איז די וועג פון זאגן משניות.....

די סטאטיסטיקער זאגן אז בשעת מ'זאגט משניות קריגט מען זיך נישט מיט די ווייב, עס איז שוין געווארן געפּראוווד.......

לאמיר אריינכאפן כאטשיק איין פרק יעדע נאכט פון די גילדענע ווינטער נעכט.....

נאר די תורה קען דיר העלפן, נאר זאגן משניות קען העלפן, לאמיר פרובירן צו זאגן איין פרק א טאג, און לאמיר זען צו ס'איז נישט געווארן רואיגער און געשמאקער אינדערהיים.

# א מַעֲשֶׂה
## פוּן א צַדִּיק



## דִּי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן



דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען מְנַחֵם אָבֵל זַיין בַּיי אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, הָאט אֵיינֶער דָארְט פַארְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אֵיינְמָאל זֶענֶען דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקּוֹדֶשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעגַאנְגֶען אֵיינֶעם מְנַחֵם אָבֵל זַיין, אוּן מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט דָארְט פוּן זֵייעֶר רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין אַזַא הִתְלַהֲבוּת בִּיז זֵיי הָאבְּן פַארְגֶעסְן אַז זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ דָא בַּיי אַ אָבֵל אִין שְׁטוּב, זֵיי הָאבְּן פָּשׁוּט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער אָבֵל הָאט פַארְגֶעסְן וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְצוּטַאנְצְן מִיט זֵיי.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אוֹיךְ וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען פַאסִירְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, וַוייל יֶעדֶע וָוארְט פוּן רֶבִּי'ן וֶועקְט גָאר שְׁטַארְק אוֹיף דִי הַארְץ, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

(ספר אילן החיים אות קיט)



אֵיינְמָאל אָנְפַאנְג פוּן רֶבִּי נָתָן'ס הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶעקְרֶעכְצְט פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַאוְועְנְט אַזוֹי בְּכַוָּנָה אִין יוֹם כִּיפּוּר.

הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: אַז מֶען דַאוְוענְט נִישְׁט יוֹם כִּיפּוּר, דַאוְוענְט מֶען צוּ מָארְגְן בַּיי גָאט'ס נָאמֶען. אַ טָאג נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "שֵׁם הַשֵּׁם", דָאס הֵייסְט אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעדַאוְוענְט גוּט אִין יוֹם כִּיפּוּר דַאוְוענְט מֶען דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג בְּכַוָּנָה, אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט צוּקְלַאפְּט אוּן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם.

(ספר אילן החיים אות קיג)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס
# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע

פארזעצונג

**- נ"א -**

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** אִין יֶענֶע יָארְן, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין עֲבוֹדַת ה'. כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אוּן תַלְמִידִים וָואס פְלֶעגְן קוּמֶען צוּ אִים כְּסֵדֶר, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר גֶעוֶוען רוֹב טָאג פַארְשְׁפַּארְט בַּיי זִיךְ אִין צִימֶער אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶר פְלֶעגְט עַל פִּי רוֹב אַרוֹיסְגֵיין אַסַאךְ צוּ דִי פֶעלְדֶער אוּן דִי בֶּערְג אַרוּם דִי שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אוּן דָארְט פַארְבְּרֶענְגֶט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן אַסַאךְ מָאל אוֹיךְ דִי גַאנְצֶע נַאכְט.

* * *

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז פַאר קִידוּשׁ, וֶוען עֶר וִויל אָנְהוֹיבְּן זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע וָוארְט פוּן קִידוּשׁ, שְׁפִּירְט עֶר מַמָשׁ וִוי דִי נְשָׁמָה גֵייט אִים אַרוֹיס. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אֵיידֶער עֶר הוֹיבְּט אָן זָאגְן תּוֹרָה, "וִוי אִיךְ וִויל אַרוֹיסְלָאזְן דָאס עֶרְשְׁטֶע וָוארְט, דַאכְט זִיךְ מִיר אָט גֵיי אִיךְ אוֹיס". אוּן דֶערִיבֶּער פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי קֵיינְמָאל נִישְׁט דַאוְוענֶען פַארְ'ן עָמוּד, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶעס וָואס מְ'טוּט בְּרַבִּים, צוּם בַּיישְׁפִּיל צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילָה אָדֶער קְרִיאַת הַתּוֹרָה, אוּן אֲפִילוּ צוּ זַיין דֶער מַקְרִיא פַארְ'ן בַּעַל תּוֹקֵעַ, אוּן דָאס גְלַייכְן.

אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט זָאגְן קַדִישׁ נָאךְ זַיין מַאמֶע אִין טָאג פוּן אִיר יָארְצַייט, אִיז דָאס אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער.

פוּן זַיין שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בּוּשָׁה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר שְׁפִּירְט מַמָשׁ אוֹיף זַיין פָּנִים דִי גְרוֹיסֶע בּוּשָׁה, אַזוֹי וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פוּן אַ צְוֵוייטְן, אוּן עֶר שְׁפִּירְט דָאס מַמָשׁ אוֹיפְ'ן פָּנִים; דִי זֶעלְבֶּע שְׁפִּירְט עֶר אַ בּוּשָׁה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס הוֹיבְּן זִיךְ אִים אָן וַוארְפְן קָאלִירְן אוֹיפְ'ן פָּנִים, אַזוֹי וִוי וֶוען מְ'וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פוּן אַ חַבֶר.

זַיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן גֶעלָאכְטְן מַמָשׁ וִוי זוּן אוּן דִי לְבָנָה, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ הָאבְּן זַיינֶע אוֹיגְן גָאר שְׁטַארְק גֶעלָאכְטְן.

וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעזֶען זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע קְדוּשָׁה אוּן דְבֵיקוּת אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, זַיין סְעוּדָה פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, דִי קִידוּשׁ מִיט דִי נִיגוּנִים, עֶר פְלֶעגְט זִינְגֶען "אַתְקִינוּ סְעֻדָתָא", "אֲזַמֵר בִּשְׁבָחִין", אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע זְמִירוֹת "כָּל מְקַדֵשׁ", "מְנוּחָה וְשִׂמְחָה", "אֵשֶׁת חַיִל", "מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא"; וֶוער עֶס הָאט דָאס נִישְׁט גֶעזֶען אוּן מִיטְגֶעהַאלְטְן, הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען קַיין גוּטֶע זַאכְן אִין זַיין לֶעבְּן.

וֶוער עֶס הָאט יָא עֶס מִיטְגֶעהַאלְטְן הָאט גֶעזָאגְט אַז אַזוֹינְס וֶועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט זֶען בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ שִׁילְדֶערְן אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שֵׁיינְקֵייט אוּן קְדוּשָׁה, דִי אוּמְבַּאשְׁרַייבְּלִיכֶע זִיסֶע דְבֵיקוּת, יִרְאָה, אוּן עֲנָוָה, וָואס מְ'הָאט דֶעמָאלְט גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן, מְ'זֶעט דָאס נִישְׁט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דָאס אִיז אַלֶעס וָואס מְ'הָאט גֶעקֶענְט זֶען מִיט דִי פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן, אוֹיסֶער דִי בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין יֶעדֶע זַאךְ.



פַאר קִידוּשׁ הָאט עֶר גֶענוּמֶען דֶעם בֶּעכֶער אִין הַאנְט, אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַזוֹי מִיטְ'ן בֶּעכֶער שְׁטִילֶערְהֵייט, מְ'הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן אִים נָאר אַ שְׁטִילֶער בְּרוּמֶען פוּן הִשְׁתּוֹקְקוּת, עֶר אִיז אַרוֹיף צוּ וואוּ עֶר אִיז אַרוֹיף, אוּן עֶרְשְׁט נָאכְ'ן זִיךְ פַארְזוֹימֶען אַזוֹי פַאר גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט, הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט דָאס מוֹיל אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מְתִיקוּת - "יוֹם הַשִּׁשִּׁי".

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעוַואשְׁן צוּ דִי סְעוּדָה פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַן "הַמוֹצִיא" אוּן גֶעגֶעסְן אַ שְׁטִיקְל חַלָה. אוּן צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאבְּן אַלֶע אָנְוֶועזְנְדֶע אוֹיךְ זִיךְ גֶעוַואשְׁן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן דִי חַלָה. אָבֶּער גְלַייךְ נָאכְ'ן עֶסְן דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁטִיקְל חַלָה אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אַ גְרוֹיסֶע דְבֵיקוּת אוּן יִרְאָה, עֶר אִיז אַרוֹיף מִיט זַיין מַחְשָׁבָה צוּ וואוּ עֶר אִיז אַרוֹיף, אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן אַזוֹי מִיט אָפֶענֶע אוֹיגְן מִיט אַ שְׁטִילְקֵייט אוּן אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע דְבֵיקוּת פַאר דִי גַאנְצֶע נַאכְט.

דֶער עוֹלָם אִיז גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן מִיט אַ צִיטֶער, מְ'הָאט גָארְנִישְׁט וַוייטֶער סֶערְוִוירְט צוּם טִישׁ, אוּן דֶערְוַוייל אִיז דִי נַאכְט אַרִיבֶּער, עֶס הָאט שׁוֹין אוֹיפְגֶעשַׁיינְט דִי זוּן, מְ'הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָזוֹן אוּן מְ'אִיז זִיךְ צֶעגַאנְגֶען.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

מיט א טיפערן בליק

# פרישע מקורבים

ישראל דוד העסקעל

ניין איך מיין עס אמת'דיג אויב גייסטו עס שוין יא באשרייבן שרייב כאטש א געהעריגע הספד אזוי ווי ביי מצוה טאנץ... איך וועל איבערנאכט קענען ווערן א ותיקין איד וואס האט א חברותה אין ש"ס, בשעת'ן לויפן אויף צענדליגע הצלה רופן, זייענדיג אויך א גרויסער עניו. אויף מיין זיידע האט עפעס א רבי געזאגט 'מע אה אה פשיהא' און ווייסט דאך אזוי נישט מיר נישט דיר פארטיילט טויזנטער אויף צדקה...

כאפסט וואס איך זאג?! שרייב עס געהעריג, די גאנצע מצוה טאנץ נוסח... הא הא הא...

***

זאג נאר דו פלעגסט אפשר גיין הפצה ביי עווערגרין פינף יאר צוריק?

יא און איך גיי נאכאלץ!

אהא דו ביסט עס, יעצט כאפ איך...

וואס? ווער איז מקורב געווארן דורך מיר? לאמיר הערן עפעס א גוטע סיפור התקרבות.

הער א מעשה:

א שנה ראשונה אינגערמאן, קוים געעפנט



א באנק אקאונט, מ'לעבט נאך פון די פאר חתונה טשעקלעך און מ'הייבט אן דאס לעבן אביסל ענדליך צו שפילן הויז... אבער עכט.

גייט זיך דער פרישע אינגערמאן אויף א מיטוואך פארנאכט צום גרויסן עווערגרין גראסערי אין מאנסי צו מאכן די שבת ארדער, ער שפירט זיך אין די לופטן האבנדיג זיין אייגענעם שאפינג ליסטע, ס'איז אזוי עקסייטינג. ער קומט אן גראסערי כאפט א וועגעלע און הייבט אן שפאצירן די גרויסע ברייטע איילס פונעם געשעפט.

די וועגעלע ווערט פולער און פולער, אלעס וואס די אויגן פארלאנגט פארט גראד אריין באגלייט מיט א געשמאקע 'לכבוד שבת קודש', נישט פארגעסנדיג נאך איין מאל ארומצולויפן דעם גאנצן געשעפט מאכן זיכער אז ער האט גארנישט פארפאסט חלילה קיין גוטע אייטעמס



אדער גאר עפעס א ספעשל...

ער שטעלט זיך אין ליין צו באצאלן און הייבט אן באטראכטן דעם ריזיגן הויפן אינעם וועגעלע, ס'ווערט אים נישט גוט, "אייבערשטער העלף איך זאל דאס קענען באצאלן..." ענדליך זיין רייע, ער ענדיגט אפלאדענען דאס גאנצע מעשה, דער קעשיר זאגט אים וואס קאסט און ער הייבט אן קראצן אלע טאשן, נאכן צוזאמען שטעלן זיינע סינגלס מיט עטליכע קוואדערס, ניקלס און פענים האט ער עס געמאכט!

יעצט שפאצירט ער ארויס מיט א וועגעלע פון פינעף באקסעס מיט כל טוב וטוב לכבוד שבת קודש און פרובירט עס צו באלאנסירן אויפן וועג צו זיין קאר, ווען פלוצלינג קומט איינער צו צו אים:

אנטשולדיגט אפשר ווילט איר געבן עפעס פאר צדקה?

אפשר? זיכער!

דער אינגערמאן נעמט ארויס זיין פרישע דעביט קארד, איר נעמט א קארטל?

יא זיכער, וויפיל?

דער אינגערמאן מאכט זיך א שנעלע חשבון איך גיי אים דא מטריח זיין מיטן קארטל איך קען נישט סתם חוזק מאכן ער גייט נאך דארפן צו צאלן פראצענט אויך, שוין זאל זיין א פינעווער!

א גרויסן שכח תזכה למצוות, דא האט איר א שיינע מתנה!

א שיינע מתנה?! פששש מיין לאקי טאג, וואסערע מתנה טיילט דער אידל אויס? א קונטרס'ל 'שלום אין שטוב', ס'קוקט אויס שיין, ס'פארט אריין אין טאש "שכח גוט שבת".

גראד זיך געגאנגען גרייטן אויף שבת קודש ס'נעמט דאך צייט צו קענען אנגרייטן א שבת פון פינעף אייער באקסעס פאר א שנה ראשונה קאפל...

שבת איז אריבער מעין עולם הבא' דער אינגערמאן האט זיך געשפירט קעניג אויפן וועלט' ער זינגט די ניגונים וואס ער האט ליב, ער רעדט און שמועסט פון טאפיקס וואס אים געפעלט, ער זיצט אויבן אן ווי קעניג אויפן שטוהל' ענדליך א מענטש פאר זיך...

זונטאג צוריק אין כולל...

די מעשה אבער איז גארנישט אזוי פשוט' ווייל דער אינגערמאן קען גערן באשטיין צו לערנען אבער דער ראש הכולל האט מחליט געווען אז יענער אינגערמאן איז גאר א פאסיגע חברותה פאר דער אינגערמאן.

יענער אינגערמאן איז בעצם גאר א גרויסע מתמיד, און בעצם גאר א חשובע אינגערמאן, און בעצם גאר א גוטע קאפ, און בעצם פארמאגט ער אן אויסטערלישע זיכרון, און בעצם איז ער גאר א גרויסע למדן, און בעצם קומט ער יעדן טאג אין צייט, און בעצם לערנט ער שעות רצופות, און בעצם פארמאגט ער א טיפע הבנה, און בעצם האט ער א מהלך ווי אזוי מ'וואלט ווען געדארפט בעצם לערנען....

אבער למעשה....

למעשה איז ער א פעקל פלייש וואס דינט ווי א פערפעקט היט האלטער.

דער אינגערמאן ווייסט נישט וואס טוט מען דא מיט דער חברותה וואס האט שוין באוויזן צו מאכן שניי פון דריי קאווע





גלעזלעך מיט א פערדע אויפן וועג... ער קען זייער גוט זאגן יאאאא מיט דער גמרא ניגון נאכאמאל נאכאמאל יאאאא אבער א דופן עקומה!

דער אינגערמאן פרובירט אביסל צו לערנען אליין, אבער אין א לומד'ישע גמרא כולל וואו מ'לערנט יש נוחלין און מ'קוועטשט אויס יעדער שורה אין תוספות מהרש"א קען מען דען לערנען אליין? נישט מעגליך!

הייבט ער אן חלומ'ען אויפן וואנט און באטראכטן אלע חברותות ווי אזוי זיי לערנען. שוין דורכגעקוקט דעם קול הציבור פינעף מאל, ווייסט שוין פון אויסנווייניג ווער ס'גייט מאכן א וואכנאכט און ווי אויך וואס די אויסקוק איז פאר די נעקסטע צוויי וואכן... יעצט גייט ער אראפ אין בעיסמענט קוקן אין די שמחה זאל פונעם בית המדרש זען אפשר איז געבליבן עפעס גוט צו עסן פון די נעכטיגע שמחה...

בקיצור ער ווערט משוגע פון ליידיג גיין. ביז אזוי גולמ'ענדיג אויפן מפתח הספרים אין חדר שני כאפט ער זיך אז ער האט עפעס א מתנה פון איינעם אין טאש א קונטרס!

מיט צוגענוגלטע אויגן שלינגט ער שורה נאך שורה אזעלכע זיסע עצות אזעלכע פשוטע שכל ס'איז דאך מורא'דיג!

נעקסטע וואך ביים שאפינג אויפן וועג ארויס זיכט ער שוין אויף דער געלט גייער ווייל ער דארף האבן נאך א מתנה'לה ס'איז דאך געווען א מחי' די פריידיגע, ער טרעפט אים נאכאמאל אויפן וועג ארויס געבט אים גראד א פינעווער און בעט זיך אפשר האט איר נאך א שיינע קונטרס?

אוודאי! דא האסטו קענסט דיר אויסוועלן...

דער אינגערמאן נעמט דריי שטיק גייט אהיים און ווייסט ביי זיך אז די קומענדיגע וואך איז שוין כולל מסודר... אוי האט ער זיך מחי' געווען מיט די זיסע עצות ממש א מחי'...

****

ניין חשובע מפיץ די מעשה האט זיך נישט געענדיגט אז ער איז מקורב געווארן צו קהילת היכל הקודש, בכלל נישט, ער ווייסט נישט אז ס'איז דא א מוהרא"ש, א ראש ישיבה, א קהילה מיט מוסדות, ער האט באקומען א זיסע קונטרס מיט לעכטיגע עצות און זיך מחי' געווען זיין לעבן מיט דעם!

און דאס איז די עיקר הפצה וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז. דו ברויכסט קיינעם נישט ברענגען אהער, מיר זוכן נישט צו בויען א חסידות, זאל יעדער בלייבן וואו זיי זענען, אבער דו קענסט מחי' זיין נאך א איד אין זיין חסידות אין זיין קהילה אן דעם וואס ער זאל אפילו וויסן אז ס'עקזעסטירט א ראש ישיבה, קען ער זיך מחי' זיין און אויפלעבן פון די זיסע עצות פונעם רבין.

אז ס'איז דא נאך א איד וואס גייט רעדן צום באשעפער ווייל דו האסט אים געגעבן א קונטרס, נאך איינער וואס גייט אנהייבן 'זאגן' משניות ווייל האט פון דיר באקומען א ספר'ל, נאך א איד וועט מחזק ווערן ווייל ער האט פון דיר באקומען א גליון, דאס איז הפצה, אפילו דו זעסט נישט ווי דו ברענגסט 'פרישע מקורבים'.



ברסלב
שטיצע
ברסלב

# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*







א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו
פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע
צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום
בית המדרש עצתו אמונה.
איך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.
רופט לייבי ראטה
347-578-4449




**קרית ברסלב ארבעט פארמיטלונג**

**אויב זיכט איר א גוטן ארבעטער פאר אייער**

**ביזנעס, רופט אונז אריין.**

**ביטע רופט**

**718-306-2448**



# EARLY VOTING

**INFORMATION FOR THE 2023 GENERAL ELECTION (NOVEMBER 7)**
**EARLY VOTING POLL SITES:**

**SULLIVAN COUNTY BOARD OF ELECTIONS OFFICE**
**GROUND FLOOR - GOVERNMENT CENTER**
**100 NORTH STREET - MONTICELLO, NY 12701**

**AND**

**SULLIVAN COUNTY PUBLIC HEALTH**
**50 COMMUNITY LANE - LIBERTY, NY 12754**

These polling locations are in compliance with the American Disabilities Act (ADA). *All* Sullivan County registered voters are eligible to vote at the above Early Voting locations. All voters who cast a ballot during the Early Voting period will not be allowed to vote on Election Day.

| | | |
|---|---|---|
| Saturday | October 28 | 9:00 am - 5:00 pm |
| Sunday | October 29 | 9:00 am - 5:00 pm |
| Monday | October 30 | 9:00 am - 5:00 pm |
| Tuesday | October 31 | 12:00 pm - 8:00 pm |
| Wednesday | November 1 | 9:00 am - 5:00 pm |
| Thursday | November 2 | 12:00 pm - 8:00 pm |
| Friday | November 3 | 9:00 am - 5:00 pm |
| Saturday | November 4 | 9:00 am - 5:00 pm |
| Sunday | November 5 | 9:00 am - 5:00 pm |

http://sullivanny.us/Departments/Elections/EarlyVoting

(845) 807-0400

פאר די ברסלב'ע שטוב

מ. פאפנהיים

# וואו איז פארזיכערט?

"מאמי, וואס מיינט די ווערטער ביים דעם ניגון. איך קען נישט גיין אין גאס אליין, ווייל א מערדער וועט קומען צו גיין. וואס מיינט א מערדער?"

די שאלה האט מיין זיבן יעריג אינגל מיר געפרעגט ארום א יאר צוריק און איך האב אים מסביר געווען: "א מערדער מיינט א שלעכטער מענטש וואס הרג'עט אנדערע מענטשן, ס'איז דא מענטשן וואס האבן מורא צו גיין אין גאס ווייל אפשר וועט א מערדער אינמיטן קומען, זיי פארגעסן אז דער איבערשטער געבט אכטונג אויף אונז איבעראל."

ער האט מיר אנגעקוקט מיט גרויסע צועפנטע אויגן, "עס איז באמת דא אזא זאך? דא אין ארץ ישראל קען עס זיין???"

איך האב נישט געוואוסט צו לאכן אדער וויינען, וואו דען הערט מען אזעלכע מעשיות כמעט טאג טעגליך אויב נישט אין ארץ ישראל הי"ו? עס איז דעמאלט געווען עטליכע טעג נאכדעם וואס א טעראריסט האט דורכגעפירט א אטאקע און אומגעברענגט עטליכע קדושים הי"ד, און די גאס איז





געווען אין א אניק. האב איך אנגענומען די שאלה פון מיין אינגל אלס א פרעזענליכע קאמפלימענט אז טראץ די אלע פאסירונגען וואס קומט פאר, דאך האלט ער גארנישט מיט, און ער לעבט זיך רוהיג אין זיין וועלטל.

אבער איך וועל זיך מודה זיין אויפן אמת, איך האב דעמאלט געדארפט אנקומען צו א וויכטיגן אפוינטמענט ביים ציין דאקטער, נאנט צו יענעם געגנט, א שרעק האט מיר אנגעכאפט און איך האב געפילט אז איך קען נישט אריבערגיין דארט, עס איז אבער געווען זייער וויכטיג און איך האב עס בשום אופן נישט געקענט אפשטופן, האב איך זיך גע'חזר'ט איינמאל און נאכאמאל דער אייבערשטער איז דא מיט מיר און געבט אונז אכטונג. איך געדענק מיט וויפל כוונה איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ביי די מזוזה פארן ארויסגיין: "העלף מיר טאטע זיסער איך זאל גיין געזונטערהייט און צוריק אהיימקומען געזונטערהייט". נאכן פארענדיגן די קליינע תפילה האב איך אפגעאטעמט מיט פארלייכטערונג און ארויסגעגאנגען אויפן וועג צום דאקטער. ברוך השם אלעס איז אדורך בשלום, איך בין געגאנגען און צוריק אהיימגעקומען בשלום, שכח אייבערשטער. ביי מיר אין שטוב האב איך שוין געפילט זייער רואיג און פארזיכערט.

הייליגער באשעפער! ווי קען מען אזוי טראכטן? צו ווייסט דען א מענטש וואס עס גייט זיין מיט אים די קומענדיגע מינוט? אבער דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף מיר שוין דעמאלט און מיר נישט געלאזט לעבן אין א טעות. עטליכע טעג דערויף האט זיך אנגעהויבן שפירן ביי אונז אין הויז א אומאנגענעמער גערוך, קודם האט עס אויסגעזען אז ס'איז מסתמא דא ערגעץ וואו א טויטע מייז, אבער נאכן אויסקערן אונטער די בעטן, אינטער די אויוון און פריזשידער, און גארנישט טרעפן, האבן מיר שטערקער געבעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן שוין כאפן וואס עס איז.

דער גערוך איז דערווייל נאר געווארן ערגער, ביז דער אייבערשטער האט אונז אויפגעלאכטן די אויגן און מיר האבן געזען אז עס קומט פונעם עלעקטריק באקס. עטליכע דראטן האט זיך אנגעהויבן פארברענען, לכאורה פון אלטקייט, און א האר האט געפעלט אז עס זאל חס ושלום אויספלאצן א פייער.

מיין מח האט אנגעהויבן פיבעריג צו ארבעטן, יעצט האב איך געכאפט אז נאך עטליכע טעג וואס איך פיל זיך רוהיגער אין שטוב ווי אין גאס, ווייזט מיר מיין ליבער גרויסער טאטע אז אין הויז קען גאר זיין אפילו ערגערע סכנות, דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

וואס זאלן אונז יעצט טראכטן, ליבער גרויסער באשעפער? וואס א טאג שפעטער הערט מען ערגערע שוידערליכע נייעס. איז דען דא א פלאץ וואו א מענטש איז פארזיכערט? א יאר צוריק האב איך נאך געקענט אויסבאהאלטן און נישט דערציילן פאר די קינדער, אבער יעצט שמחת תורה אינדערפרי ווען עס האט זיך געהערט צום ערשטן מאל א סירענע האב איך אויך געטראכט אז איך גיי זיי גארנישט דערציילן, למעשה נאכדעם וואס די סירענע האט זיך געהערט איינס נאכן צווייטן האב איך פארשטאנען [נאך פארן הערן די נייעס, און מיט דעם וואס איך הייב נישט אן צו פארשטיין צו פאליטיק] אז עפעס שרעקליך האט פאסירט. מיינע קינדער זענען צוביסלעך אויפגעשטאנען און די ערשטע שאלה נאכן מודה אני איז געווען: "מאמי, וואס מיינט די קולות וואס מען הערט דא יעדע פאר מינוט?"

איך האב געזען אז אזא זאך קען מען נישט באהאלטן, יעצט איז שוין בעסער זיי זאלן הערן די נייעס פון מיר און נישט פון חברים, קוזינען, אדער ווער ווייסט פון וואו, אזוי קען איך פארדעם און נאכדעם, אויך רעדן - (צו מיר אויך) — אז דער אייבערשטער טוט אלעס, ער איז דא מיט אונז און געבט אכטונג אויף אונז, אזוי איך האב אויך גארנישט געוואוסט מער פרטים, האב איך זיי

דאס געזאגט: "אזא קול מיינט אז עס איז דא א מלחמה און די אראבער שיסן באמבעס, איך ווייס נישט וואו, איך ווייס נישט פארוואס, און איך ווייס נישט פון ווען, אבער לאמיר אלע צוזאמען בעטן דעם אייבערשטן:

**וואס זאלן אונז יעצט טראכטן, ליבער גרויסער באשעפער? וואס א טאג שפעטער הערט מען ערגערע שוידערליכע נייעס. איז דען דא א פלאץ וואו א מענטש איז פארזיכערט?**

"הייליגער באשעפער! העלף עס זאל גארנישט שעדיגן פאר קיין שום איד, אלע אידן זאלן זיין געזונט און שטארק און קיינער זאל נישט מורא האבן." מיינע קינדער האבן מיר נאכגעזאגט מיט א תמימות, צולייגנדיג זייערע אייגענע בקשות, און א רוהיגקייט האט זיך אראפגעלאזט אין הויז. יא... מיין הארץ פארפעלט א קלאפ ווען עס הייבט זיך אן א סירענע. יא, עס כאפט אן א שרעק ווען מען הערט די שוידערליכע נומערן פון די קדושים הי"ד, פארוואונדעטע און פארכאפטע. אבער איך האב צו וועמען צו לויפן, איך האב אין וועמען זיך צו פארזיכערן, און ווען מיינע קינדער דערציילן מיר איבער מיט שרעק וואס זיי הערן דא און דארט, קענען מיר צוזאמען זיך בארוהיגן און זיך שטארקן מיט אמונה.

איך קוק זיך צו פון די זייט אויף אונזערע פארבלאנדזשעטע ברודער וואס זענען נעבעך אויפגעוואקסן אין שויס פון ציונות. פון פיצלווייז אן האט מען אין זיי אריינגעלייגט א שטאלץ צום טריפה'נעם מיליטער, און יעצט שטראמען זיי אין די מאסן, יונגערע און עלטערע, מענער געזעגענען זיך פון זייערע פרויען, מאמעס שיקן אוועק זייערע קינדער, מעגליך אויף אייביג. און איך וויל אויסשרייען צו זיי: "אוואו איז אייער שכל? מען האט דאך קלאר געזען אז די גרויסע שטארקע מיליטער, די קלוגסטע שפיאנען, און די פארגעשריטנסטע געווער, האבן נישט געקענט אפהאלטן אזא שוידערליכע אטאקע. וואס טראכטן איך, אז יעצט וועט די מיליטער יא קענען באשיצן? זיי פרעגן נישט קיין קשיות נאר זיי גייען מיט א הויכע מאראל, און זענען גרייט מיטן גאנצן שטאלץ צו באשיצן דעם לאנד.

טאטע זיסער! איך שפיר ווי עס מאנט און פאדערט פון מיר, איך האב געהאט די זכי' געבוירן צו ווערן אין א פרומע שטוב, איך בין אויפגעוואקסן מיט א ריינע אמונה אז דו האסט באשאפן די וועלט, און דו פירסט און טוסט אלעס, דו האסט רחמנות געהאט אויף מיר און מיר מקרב געווען צו א צדיק, וואס לערנט אונז צו רעדן צו דיר ווען איך וויל און וואס איך וויל. העלף מיר הייליגער באשעפער! איך זאל נישט האבן קיין קשיות אויף דיר! איך זאל אלעמאל צוריקלויפן צו דיר און זיך פארזיכערן נאר אויף דיר. איך זאל אויך קענען זיין אזוי גרייט צו גיין אין פייער און אין וואסער פאר דיין כבוד וועגן.

העלף מיר הייליגער באשעפער! איך וויל קענען איבערגעבן פאר מיינע קינדער אזא שטאלץ, אזא מין שטארקייט, אזא פעסטקייט, אז וואס עס זאל נאר נישט אריבערגיין אויף זיי במשך זייער לעבן, זאלן זיי אלעמאל לויפן נאר צו דיר, זיך פארזיכערן נאר אויף דיר, און קיינמאל נישט אפלאזן דיין הייליגע תורה, די ריינע לעכטיגע אמונה.

הייליגער באשעפער, שיק א רפואה שלימה פאר אלע פארוואונדעטע, א ישועה פאר אלע געזונטע, לייז שוין אויס אלע פארכאפטע, און שיק שוין משיח זאל אונז אויסלייזן פון אידישן און גוי'שן גלות.

מ. פורסט

***עס איז דא א מלחמה צווישן ארץ ישראל און חאמאס,***
***די רשעים שיסן מיט רציחה און האס.***

***מענטשן האבן א מלחמה אין מח,***
***ווי אזוי קען איך ווייטער אנגיין מיט כח.***

***עס גיסט זיך נעבעך אזוי סאך אידיש בלוט,***
***מיר ווילן אונזער לעבן זאל אונז ווייטער גיין גוט.***

***מענטשן האבן מורא צו גיין אין גאס,***
***דערשראקן, נערוועז, די פנימער זענען בלאס.***

***וואס פאר א טערעפי קען מיר העלפן,***
***וועלכע מעדיצין זאל איך נעמען.***

***די בעסטע געווער די מח צו בארוהיגן,***
***זיך שטארקן מיט אמונה און בטחון.***

***ווען עס קומט צו פליען די ראקעטן,***
***טו אווארט צום באשעפער רעדן.***

***וועסטו מער נישט נערוועז ווערן,***
***גארנישט וועט דיר מער נישט שטערן.***

***אבער אפשר דאך וועל איך שטארבן,***
***קענסטו אוודאי טראכטן.***

***און אפשר וועסטו לעבן,***
***אזוי שנעל זאלסטו אויפגעבן?***

***באשעפער האב רחמנות,***
***איך זאל טראכטן גוטע מחשבות***

***טו מיר היטן, רואיג און פרייליך מאכן,***
***טו די יצר הרע שחט'ן, אלע מיינע מידות פאררעכטן.***

**צו בלייבן רואיג אלעמאל, העלף גאנץ כלל ישראל.**



# ישועות
# פון תפילה

**ש. ח. שעכטער**
**ירושלים**

פאריגע וואך איז געווען אן אלארם אין ירושלים, איך האב נישט געוויסט אויב איך וועלן נאך אניאגן אנצוקומען צייטליך צום בונקער ווייל עס איז אביסל מער אראפ פון די גאס, און צו מיין מאן וועט וויסן דא אהערצוקומען. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן אויב איך זאל נאך אראפלויפן, און אויב יא זאל איך אנקומען צייטליך.

שכח אייבערשטער איך האב נאך געהאט צייט אויסצולעשן די לעקטערס, צומאכן די טיר און פענסטערס, און נאך אנקומען צייטליך צום בונקער פאר די באמבע איז געפאלן, און מיין מאן האט אויך געוויסט אהערצוקומען אויף דעם פלאץ.

**פ. אייכנער**
**קרית ברסלב**

איך האב באשטעלט א גוטע מאנטל פאר מיין אינגל, עס איז געשטאנען אז עס גייט אנקומען א וואך ארום, איך האב זייער שטארק געוואלט עס זאל אנקומען פריער צוליב די קעלט וואס איז שוין אנגעקומען. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די מאנטל זאל אנקומען פרי, שכח אייבערשטער די נעקסטע טאג איז עס אנגעקומען, און אינטערעסאנט איז געווען אז ס'איז נאך ווייטער געשטאנען אז ס'גייט אנקומען א וואך ארום.

**ר. אינדיג**
**קרית ברסלב**

איך האב זייער הנאה צו זען רוויטע בלעטער פון דיביימער ארום מיין הויז, עס איז געוואלדיגע נפלאות הבורא, פאריאר איז נישט געווען קיין רוויטע בלעטער ארום מיין הויז, בשעת ביי אנדערע פלעצער אין שטעטל איז יא געווען שיינע רוויטע בלעטער. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל יא זיין רוויטע בלעטער ארום מיין הויז, שכח אייבערשטער אז דאס יאר האבן די ביימער ארום מיין הויז ארויסגעגעבן הערליכע שיינע רוויטע בלעטער.

**ז. רובינשטיין**
**קרית יואל**

1. א יאר צייט בעט איך שוין דעם אייבערשטן פאר א נייע דירה, אויך האב איך געבעטן געוויסע זאכן וואס איך דארף אין די הויז, ווי למשל עס זאל זיין מיט א וואש מאשין און דרייער וכדומה, א פענסטער אויף א געוויסע פלאץ. איך בין געגאנגען צום ציון אין קרית יואל בעטן פאר דעם, און דארט צוגעזאגט אז איך גיי עס מפרסם זיין. ברוך השם איך האב באקומען וואס איך האב געבעטן.

2. פאר זיך אריינציען אינעם דירה האב איך געדארפט רייניגען די דירה פארן זיך אריינציען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר א גוטע קלינינג לעדי, איינער וואס וועט נישט סתם קלאצן האלבע די צייט, שכח אייבערשטער איך האב באקומען א גוטע לעדי וואס האט געמאכט א גוטע ארבעט.



## בעט דעם באשעפער
## וועט ער דיר העלפן

845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

## פרשת לך לך

## חידות

אפטיילונג

**מוהרא"ש זאגט: ווער עס וועט בענטשן אין א בענטשער וועט**

א. זיין זייער רייך
ב. מען אים אלץ בענטשן
ג. אלץ האבן וואס צו עסן
ד. קענען די פירוש המילות פון ברכת המזון

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט אויפן ספר המדות

**"די ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"**

*געווונער פון פאריגע וואך*

**שמואל בירנבוים נ"י - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף

די ווערטער

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| צ | ג | ר | י | נ | ג | ע | נ | י | י | ש | נ | י | ש | ט |
| ג | ט | ב | צ | ל | ז | ר | ב | א | ט | י | מ | ג | א | ס |
| ע | א | א | ט | א | א | י | ט | צ | ר | מ | ת | י | ש | ר |
| ז | ל | ע | ג | י | ל | י | כ | ז | כ | י | ב | צ | ט | ט |
| פ | ט | ט | נ | ב | מ | נ | כ | נ | ק | ב | ו | ל | ס | ז |
| ש | ש | ט | ק | ר | ע | ע | א | נ | ג | ש | ד | ו | נ | ס |
| ת | ש | ה | ט | ג | ד | א | ש | ו | ט | מ | ד | ז | י | ה |
| ו | ת | פ | י | ל | ה | י | צ | א | נ | ד | מ | ש | ו | ב |
| ד | ד | ה | נ | י | ו | מ | ר | א | ש | ז | פ | ל | א | צ |
| ד | ז | א | כ | ו | ל | ק | ז | ט | ל | ל | י | א | ו | מ |
| ו | י | ת | צ | ש | ע | י | ש | ר | י | פ | ס | י | ו | ק |
| ב | י | ל | צ | ש | ג | י | ג | ז | י | כ | ק | כ | נ | ש |
| ת | ג | ו | ט | ז | ש | מ | ט | ע | ד | י | מ | ו | נ | ב |
| ה | ה | ע | ד | ד | ק | נ | א | א | י | ג | ב | י | ו | ה |
| ב | ט | י | פ | ת | י | מ | י | ז | ג | ר | י | כ | ת | ו |
| ל | י | ג | נ | ו | י | י | ת | י | ע | י | ה | ד | ד | ו |
| ד | ד | י | מ | ע | נ | ט | ר | ו | ז | צ | ו | א | י | א |
| מ | ע | א | מ | ע | ע | ט | צ | ו | ש | א | ז | נ | י | ס |
| ע | כ | ר | ק | ע | ר | ג | ר | א | ז | פ | א | י | נ | נ |
| נ | כ | ה | ה | ז | ר | ל | ו | ו | ה | ש | א | ע | ע | ד |

זיי שטארק מיט התבודדות ותפילה, הויב אן דעם טאג מיט די הייליגע זאך, גיי א שפאציר צווישן די גראז און ביימער.

דו וואוינסט אין שטעטל, א שיינע פלאץ, א ריינע פלאץ; אין שטעטל קען מען גרינג מקיים זיין וואס דער רבי זאגט מען זאל זיך מתבודד זיין אין א ליידיגע פלאץ וואו קיינער געפונט זיך נישט, וואו מענטשן גייען נישט.

(עצות אמונה פרשת נח תשפ"ד)

## טרעף די וועג

כאפ זיך אריבער צו די משניות און לאז אפאר פרקים משניות





## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנען דיך די בילדער?




ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי' האט געזאגט:
"אלט טאר מען נישט זיין!"

## א שטיקעלע ספר המדות

### פַּחַד

סְגֻלָּה לְבַטֵּל אֶת הַפַּחַד, לִזְכֹּר אַבְרָהָם אָבִינוּ.

א סגולה אוועק צו נעמען שרעק - דורך טראכטן פון אברהם אבינו.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## טרעף די חילוקים

### טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער







ארויף אויפן באס, אין חדר אריין!
לאמיר גיין לערנען די הייליגע תורה!

## עצות אמונה
בחיה

### פרשת לך לך תשפ"ד

### פון אויבן אראפ

1.יעדע ווארט וואס מען רעדט צום אייבערשטן איז זייער _____ אויבן

2.נישטא אזא הייליגע זאך ווי א _____ _____

3.די שליסל פון _____ ליגט נאר ביים אייבערשטן

4.איך וויל נישט די דאווענען זאל זיך ענדיגן, עס איז אזוי ____

6.דאווענען שחרית איז די _____זאך

8.הלוואי' זאלן זיך בחורים צוגעוויינען צו לערנען _____

9.זאג אסאך _____ אפילו בלי הבנה כלל

11.מיר זענען מתפלל אז _____ זאל שוין קומען

### פון רעכטס צו לינקס

3.מיר קענען זיך נאר _____ אויפן אייבערשטן

5.גרייט זיך אן יעדע נאכט _____ _____ נעבן דיין בעט

7.זאג די בחורים און אינגעלייט זאלן גיין _____

10.מיט _____ וועט איר זיך קענען האלטן רואיג

12.לערן יעדן טאג אביסל חומש תרגום מיט _____

13.מען בעט דעם אייבערשטן מען זאל ליב האבן _____



# קינדער טאלאנט



יוטי און שרי שטיינבערג - תיבת נח - קרית ברסלב



אברהם שמחה קרויס נ״י
תיבת נח - קרית יואל



רבקה אפפעלדארפער תחי׳
תיבת נח - קרית ברסלב



יוסף פרידריך נ״י - תיבת נח וויליאמסבורג



אליעזר שלמה און נחמן ישראל יאקאבאוויטש - קרית ברסלב



יואל׳יש און עמרם ראטה - א בריק - רית ברסלב



תלמוד תורה כיתה א׳ - קרית ברסלב

# א מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

לערערין בית פיגא תחי׳ - קרית ברסלב פארציילט:










מלכה בירענבוים תחי׳ - קרית ברסלב פארציילט:









# בילדער
## אפטיילונג





קרעדיט: שלמה האממער

טעגליכע שיעור גמרא פונעם דיין שליט"א אין שטעטל


קרעדיט: אברהם הערש

קינדער אין שטעטל לערנען פלייסיג אין די פארטאגס שעה'ן


קרעדיט: נחמן נתן קרויס

דער מנהל מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א ביים לייגן א מזוזה אין שטעטל חדר


מסיבה פארן כולל היכל הקודש אין לעיקוואד


קרעדיט: קלמן מזרחי

טעגליכע מנין אין שטעטל ביים פעסט בילד אפיס


קרעדיט: יצחק הערש האפמאן

דער מגיד שיעור מו"ה דוד ניישטיין הי"ו לערנט פאר גמרא פאר די בחורים אין ישיבה


קרעדיט: יוסי פרערויא


קרעדיט: יוסי פרערויא

**פדיון הבן פון הילד בן המלמד מו"ה דוד פוקס הי"ו אין ישיבה**


קרעדיט: שלמה האממער


קרעדיט: שלמה האממער

**חתונה פון החתן שלמה שווארץ נרו יאיר אין קליוולאנד**


קרעדיט: שלמה האממער


קרעדיט: שלמה האממער

**דער ראש ישיבה באטראכט דעם בלעטל נאכן שיעור ליל ששי פרשת נח**


קרעדיט: יעקב פיש

**בית התבשיל ברענגט פרישע פראדוקטן פון וויליאמסבורג צום שטעטל**







אבות ובנים אין בית המדרש היכל הקודש וויליאמסבורג
פרשת נח תשפ״ד







אבות ובנים אין בית המדרש היכל הקודש קרית יואל
פרשת נח תשפ״ד







אבות ובנים אין בית המדרש היכל הקודש בראכפעלד
פרשת נח תשפ״ד







אבות ובנים אין בית המדרש היכל הקודש בני ברק -
פרשת נח תשפ״ד